STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01466

GANOVIM

F. Bimko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקא.

גנבים

דראמא אין 3 אקטען.

צוגעגעבען ווערטער־פערציי־
כעניש פון דער גנבים־שפּראַך.

פערלאַג „די צייט".

ווארשא 1919.

נאָכדרוק פערבאָטען.   געדרוקט פון כתב־יד

דאָס איבערזעצונגס־רעכט
שיצט דער פערלאַג:
„די צייט“.
דאָס אויפפיהרונגס־רעכט געהער אויסשליסליך דער
ווילנער טרופע
(פעראיין אידישע דראַמאַטישע אַרטיסטען אין ווילנא).

פערזאנען:

שלמה'לע „שבר", „אַ שליאַם-געהער": געהט ס'רוב גנב'ענען ביי נאַכט, אין דער שטיל. שליסט אַ טיר, מאַכט-אויף אַ פענסטער. ביים מינדסטען גערויש זוכט ער צו אַנטלויפען.

הירשל „מזיק", „אַ שאָפּענפעלער": געהט ביי טאָג, שפּרינגט אונטער אין אַ אויגענבליק, ווען די דינסט געהט-אַרויס פון שטוב, אָדער אין אַ געשעפט — מיטאָג-צייט. נעמט ס'רוב צוביסלעך, מ'זאָל נישט דערקענען.

אברהם „לעפּאַק", „אַ כח-געהער": געהט ביי נאַכט. פּאַסט צו שליסלען, אַז מען שטערט איהם, איז ער גרייט צו שטעכען, דערווערגען, בעגעהן אַ רציחה.

וועלוועל „סוויטניק", „אַ טאַלטעל געהער": זוכט אונטערצוהאַקען אַ וואַליזע אויפ'ן באַהן. קריכט אַריין אין אַ פרעמדען פעלץ ביי אַ דאָקטאָר אין קאָרידאָר. אַרבייט ס'רוב אין קאָנדיטאָרייען.

משה „סצערב", „אַ שליאַם-געהער".

נחמן „כשר", „אַנ'אָנגעבער": —גיט-אָן די גנבים, וואו ס'ליגט עפּיס בעהאַלטען: געלד... טייערע חפצים... ווען דער אייגענטימער פאָהרט אַוועק... אויף וואָס פאַר אַ שלעסער ס'איז פערמאַכט. „פּאַסער"—קויפט גלייכצייטיג אויף די גנבות.

מירקע, שלמה'לע'ס ווייבעל.

פיילע, מירקע'ס באָבע.

ערשטער אקט.

די סצענע שטעלט-פֿאָר אַ שטוב בײַ שלמה שברן; זײַער מלונה, וואָס איז צוגעקליבען רויט'ן געשמאַק פֿון די מענשען, וועלכע פֿאַרקעהרען אין איהר.

מ י ר ק ע אַ שוואַרץ חנ'ודיג ווײַבעל, אַ שטיפּערקע, אַ ספּריט,— קוועקווילבער. זינגט זיך אונטער:

דער טאַטע איז אַ סמאַראָוואָזשניק,
די מאַמע גנב'עט פיש אין מאַרק;
דער ברודער איז אַ קאַטאָרזשניק,—
די שוועסטער לעבט מיט אַ קאָזאַק!...

ק ײַ ל ע: אַנ'אַלטע יודענע; אַ גראָבע, אַ שווער בעשעפּעניש, אַ שוואַרץ-גזשעבלע-פּנים, וואָרצלען מיט האָר אויף דער גאָמבע.—ציהט אָן אַ גאָל-מעסער אויף אַ רימען: זינג דאָרט, מירקע... האָב פליה-פֿײַגעלעך אין קאָפּ...

מ י ר ק ע אויפגעלעגט: כ'וועל מ'ר קלאָגען ס'פּנים?... אָנטהון אַ מאַסקע?...

ק ײַ ל ע: וואָלסט געפֿאָהערען צו אַ רבי'ן... גענומען סגולה... געפֿרעגט אַ מין-עצה...

מ י ר ק ע טשיקאַווע: באָבע, ס'איז פֿאַרהאַן אַ שעהנער רבי?...

ק ײַ ל ע ווי פֿריהער: טפֿו... האָסט אַ מויל, זאָל'ס דיר פֿון אונטען שטעהן...

מ י ר ק ע: אָהן חוזק... באָבע, אלע רבי'ס מוזען זײַן אַלט?... נישטאָ קײַן יונגער רבי?...

ק ײַ ל ע: אַ שעהנע מעשה, כ'לעבען... ענדערט: אַ רבי, פֿערשטעהסטו, ווערט נפֿטר...

מ י ר ק ע: וואָס טײַטש?

ק ײ ל ע: ער שטאַרבט. נאָר... מ'טאָר נישט זאָגן אַזוי... אױף אַ פּראָסטען מענש זאָגט מען ער שטאַרבט...

מ י ר ק ע: אַ—האַ!

ק ײ ל ע: נו... קען זיך נישט העלפֿען, לאָזט ער איבער אַ זוהן, װאָס איז װערט ער זאָל זײַן רבי,— װערט ער רבי...

מ י ר ק ע: נײַגעריג: דוכֿט זיך, ס'איז דאָ ערגיץ־װאו געשטאָרבען אַ רבי־ניין, באָבע?...

ק ײ ל ע: טפֿו... נפֿטר געװאָרען, זאָגט מען...

מ י ר ק ע: אין די באָבע װײַסט נישט, אויב ס'איז דאָרטען פֿערבליבען אַ זוהן, אַ יונגער רבי,— װאָלט איך געפֿאָהרען צו איהם!... פּלאַצט אַרויס מיט אַ פֿול מויל געלעכֿטער: כֿאַ־כֿאַ־כֿאַ!...

ק ײ ל ע קרום: לאַך... לאַך...

„ש ב ר" שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ: אַז מײַן װײַבעל לאַכֿט, קיצעלט מיך צװישען די לאָפּאַטקעס...

מ י ר ק ע לאַכֿענדיג: איהם דוכֿט זיך אַלץ, ער געהט אַ װאַלקע אין צירק...

„ש ב ר" מיט אַ ברוגז'ל: נ'װאָס שטעכֿעלירסטו מיך?...

מ י ר ק ע װי פֿריהער: גאָר נישט... כֿ'לאַך...

„ש ב ר" אָנגעריהרט: מ י ר ק ע, כֿ'װעל דיר װײַזען, כֿ'װעל די אַלע ריעזען לעגען, װי די קעלבער... זײ װעלען נישט זײַן קײַן פּאַני־בריות בײַ מיר!...

מ י ר ק ע לאַכֿט: װער האָט דען עפּיס צו דיר?...

„ש ב ר" שװערט זיך: ס'איז אויף פּיק!... װי דו זעהסט מיך לעבען,— זײ פֿערדיענען אונז אַלעמען!...

מ י ר ק ע ציהט איהם־אָן: אָבער, האָסט בעקומען גוט אָנגעבראָכֿען די זײַטען?

„ש ב ר": אַ װאוילער יונג! איך האָב איהם אויסגעדרעהט אַ פֿוס!...

מ י ר ק ע: און אויסגעלענקט אַ האַנד פֿון גליעד װעמען האָט מען?...

„ש ב ר": ער האָט שוין קײַן ברירה נישט געהאַט... ער האָט געזעהן, ר'ליגט!...

מ י ר ק ע מיט אַ געלעכֿטער: כֿאַ־כֿאַ־כֿאַ... דערצעהל אַ מעשה!...

„ש ב ר": װאַרט, כֿ'װעל נאָר געזונד װערען אויף דער האַנד, װעסטו זעהען דער רוח װעט זײ נעמען פֿון שטאָדט, און זײ װעלען אַנטלויפֿען, װאו דער שװאַרצער פֿעפֿער װאַקסט!...

מ י ר ק ע: בערע דיך מיט זײ... בערע דיך, װעסט שעהן לײַט אַרויסקומען!... אַצוד: אַ האַנד, שפּעטער — אַ פֿוס, און נאָכֿדעם װעלען זײ דיך אײַנגאַנצען קאַלט מאַכֿען.

„שבר״ ביִיז: איך רוק זיִי אַ מעסער אונטער׳ן האַר...

מירקע: מיִינסט, זיִי וועלען דיר שוויַיגען?... ווילסט ביַי זיִי צונעמען ס׳ברויט?... כ׳בעט דיך, וואָס געהסטו דיך אָננעמען גאָט׳ס עולה?... ביסט גע־נעצט אויף תיקון־מדינה, אַז זיִי זאָלען קיינעם נישט אָנפּריַיערען?...

„שבר״ קען זיך נישט אַרויסהעלפען: כ׳האָב זיִי אין דר׳ערד!...

מירקע צולאַכט זיך פלוצלינג: ביסט אַ פריַיער, שלמה׳לע!..

„שבר״ ביִיז: וואָס לאַכסטו?... מירקע, דו גלויבסט מיר נישט?... דו ביסט ערגער פאַר זיִי!... קען זיך נישט געפונען, לאַך נישט מירקע, לאַך נישט, איך ווער ביִיז!...

מירקע: כ׳דערמאָן זיך, ווי דו האָסט אויסגעזעהן, ווען דו ביסט אַריַינ־געקומען אין זיִיער אָנטהויבען... כאַ־כאַ־כאַ... אַ מפיל־קינד!... מ׳האָט דיר נישט אָנגעזעהן ס׳פליִיש אויפ׳ן ליַיב!...

„שבר״: מיִינסט, די גבורה ליגט אין פליִיש?

מירקע: מ׳האָט געמיִינט, ער וועט דיך לעגען מיט אַ שנעל!... איַינ־שלינגען מיט דער פאַרע...

„שבר״: ס׳איז אַ ראָדע, פערשטעהסט?... ווי הייסט עס דאָרט ביַי זיִי?... די... די... מו־ס־קו־לען!... כ׳האָב זיִי אין דר׳ערד, די מו־ס־קו־לען!...

„סוויטניק״ זיַין קול פון דער אַנדערער שטוב: שבר!

„שבר״ גיט זיך אַ כאַפּ: אַ כאָלערע...

מירקע: ס׳ברענט דאָרט!... פאַרוואָס געהסטו נישט אַריַין צו זיִי?... דו פעהלסט זיִי אין דרינגען צום שטאָס!

„סוויטניק״, זיַין קול פון דער אַנדערער שטוב: שבר!

מירקע זינגט:

מיַין מאַן האָט פערזעצט די מאַרנאַרקע,
און איז געגאַנגען שפּיעלען אין שטאָס;
ער האָט זיך גענומען אַ צווייטע קאָכאַנקע,
און מיך אַדורכגעלאָזט...

„שבר״ קלויבט התפעלות: אַ... ביסט אַ סחורה!... מירקע, כ׳גיב נ׳קאָפּ פאַר דיר!...

מירקע זינגט מיט היץ:

אַלע האָבען פערשפּיעלט,
מיין מאַן האָט צוריק געוואונען,—
די קאָכאַנקע,—אַדורכגעלאָזט,
און מיך צוריקגענומען...

„שבר״ קען נישט מעהר בעהערשען די פרייד, וואָס האָט זיך צוגאָסען אויף זיין פּנים, און גיט זי אַ כאַפּ אין לופטען: מירקע,—ביסט אַ שטיק גאָלד!... אַ

משא-מתן ס'גרעסטע כפרה א ... פון גאַר דער וועלט!... אַנ'אוצר בריליאַנט!... פאַר דיר!... דרעהט זי ווי אַ ווינד-מיהל, כ'וועל דיך אויפפרעסען מיט די ביינער!..

מירקע: גוו—אַ—לד!... דער קאָפּ שווינ—דעלט מ—י—ר!...

„סוויטניק” אויף דער שוועל: אַ פייער זוכט איהם!... געמאַכט אַ קאַ-ראַזעליע מיט'ן קליפּט!

„שבר” לאָזט זי אַראָב, אָבגעלאָשען: סוויטניק, אַ כאָלערע... וואָס קריכסטו מיר נאָך?...

„סוויטניק” רופט אין די אַנדערע שטוב אַריין: לעפּאַק!... סצערב... אין מיטען שטאָס זיך צוהוליעט מיט'ן ווייבעל, אַ פייער זוכט איהם!...

„שבר” אָנגעבלאָזען: סוויטניק, וואָס קריכסטו מיר נאָך?...

„סוויטניק”: כ'האָב דיך אין דר'ערד פאַר אַנ'אוצר!... מיינט, מ'האָט נאָך נישט געזעהן אַזעלכע קליפּטען?... אַ פייער זוכט איהם!...

„שבר”: צו וואָס ביסטו אַריינגעקומען?...

„סוויטניק”: זאָלסט מיטגעהן צום שטאָס:

„שבר”: געה, ווער פערברענט!

„סוויטניק”: איך בין אַ פערשפּיעלטער.

„שבר”: איך האָב דיך נישט געבעטען שפּיעלען...

„סוויטניק”: ביסט אַ שטאַרקער?...

„שבר”: איך געה נשט אויף כח...

„סוויטניק”: גיב אַ פינפאונצוואַנציגער, כ'זיין שוין דריי מאָל אַדורך אויף גאָל...

„שבר”: געה, טהו אויס די הויזען!...

„סוויטניק”: נ'סיגנעט פערבראָקט!

„שבר”: פערזעץ נ'קאָפּ!...

„סוויטניק” דראָהט איהם מיט אַ פינגער: געדענק, ס'וועט אַ רוח אין דיין מוטער, דו...

„שבר”: וואַרפט איהם אַריין אַ מתנת—יד אין פרעסער: די מאַמע זאָלסטו נישט טשעפּען!...

„סוויטניק” הײַלט ווי אַ געשלאָגענער הונד: וואָס שלאָגסטו דיך?... כאַפּט אַ בענקעל, דו געמיינער שליאַם-געהער!... איך שפּאַלט דיר דעם מח!...

„שבר” צווישען די ציין: מאוס'ער יאַט!...

„סוויטניק” שרייט הויך: לעפּאַק!... סצערב!...

„שבר” ווי פריהער: מצ—ר—וו כער!...

לעפּאַק, סצערב קומען אַריין.

„סוויטניק”: ער אַרבייט שוין מיט די ידים, אַרבייטען זאָל ער מיט דער מיתה, אַ פייער אויף זיינע געהירען!...

„שבר": די מזמע זאָלסטו נישט טשעפּען!...

„לעפּאַק": טאַקע אַ צדקת געווען!... מיט אַ געלעכטער'ל.

„סוויטניק": געגרבײַט, ווי אַ מכשפה אויפ'ן מאַרק!...

„סצערב": זיבען כאָל געזעסען אין קיטש!

„שבר" ווילד: געהט'ס מיר אַוועק פון הינטער די אויגען!... כ'וועל אײַך אַלעמען צורײַבען!...

מירקע קריגט מורא פאַר איהם: שלמה'לע, האָסט אַ דר'ערד פאַר זײַ!...

„סוויטניק": דאָס פּיעשציעט זיך פאַר איהם, אַ פײַער!... פויזע.

„לעפּאַק" גיט איהם אַ שטורק: אַ סוף, זײַ נישט קײן וואוטשנאָק, און קום אַרײַן צום שטאָס!...

„סוויטניק": ס'ציהט איהם מיט אַ מאַגנעס צו דער שאַכטע...

„שבר" געהענדיג: געזענק, כ'וועל דיר אַרויסלאָזען די געדערעם, סוויטניק-גנב...

„סוויטניק": מ'האָט איהם טיעף אין דר'ערד, ס'אַ געמײַנער נורקע.

„לעפּאַק": געה... ווידער געמאַכט אַ סטאַציע?... שטופּט איהם אַרויס.

פויזע.

קײלע: כ'בין דיך, אסור, נישט מקנא מיט איהם... ס'צוקאָכט זיך אין איהם ס'טרפה'נע דם...

מירקע: פאַר מיר געהט ער אין דר'ערד אַרײַן...

קײלע: אַ מאַן איז אַסך צו גלויבען... אַ מאַן טאָר מען נישט ווײַזען מעהר ווי אַ האַלבען פוס, ווײַל — מ'ווײסט קײנמאָל נישט, ווי מ'קען אויסשפּיעלען מיט איהם!...

מירקע: וועל איך מיר קויפען אַ זאָרג-בענקעלע!...

קײלע: כ'האָב אויך אַמאָל אַזוי געטענה'ט.. מײַן מאַן, מיר צו לענגערע יאָהר... ענדערט, וואָס טויג מיר ס'רעדען, כ'וועל זעהן, ווי ער וועט האַלטען פון דיר, אַז דו וועסט אָבלעבען מיט איהם נאָך עטליכע יאָהר, און נישט האָבען קײן קינד...

מירקע: באָבע, וואָס בין איך שולדיג?... כ'ווײס, שלמה'לע וויל כ'זאָל האָבען אַ קינד, ער וואָלט משוגע געוואָרען פאַר פרײד!... איך וואָלט אויך אַנ-אַנדער לעבען בײַ איהם געהאַט!... אין שטוב וואָלט זיך עפּיס אויסגעלײַטערט, פרײמליכער געוואָרען.. און ס'בייזקײט וואָלט איהם פערשוואונדען פון פנים...

קײלע מיט אַ קרעכץ: ווען ס'מאַכט זיך אַזוי...

מירקע בײגט זיך אַריבער צו איהר, אויפ'ן אויער: באָבע, ס'ווענדט זיך, אָסור, נישט אין מיר...

קײלע: געה... רעדסט ווי אַ חצופה... כ'וועל דיך שוין מעהר נישט פרעגען!... מײנסט, כ'בין אויסען אויף דײַן רעה?...

מירקע: די באָבע מיינט, כ'מאַך מיר אַ געלעכטער?...

קיילע: אַ יונגע קוה וואָס דו ביסט... האָסט געברויכט אויסזיין ביי אַ האַלבע וועלט דאָקטוירים... ביי רביים... ביי כשוף-מאַכער'ס...

מירקע: כ'ברויך זיי אויף כפרות!... כ'וועל אָבלעבען מיט איהם נאָך אַ יאָהר, נאָך אַ יאָהר... — ווייס איך, הירשל מזיק קריגט די נכסה פאַר מיר!...

קיילע: גוט... גוט... ער זעהט, אַ יונג טהוט צו דיר אַ לאַך, תם'עלט ער אַ האַלבען טאָג! דו ברויכסט נאָר אָנצינדען ס'בלוט אין איהם — בין איך דיך שוין נישט מקנא...

מירקע: כ'ווייס נישט, באַלד ווי כ'האָב חתונה געהאַט מיט איהם, האָבען שוין די אייגענע יונגען געלאַכט צו מיר... און ס'האָט איהם גאָרניש נעבערט!... דאָס לעצטע יאָהר איז ער אַזוי געוואָרען!... וואָס מעהר ער דערפיהלט זיין שוואַכקייט — שלעכטער ווערט ער צו מיר!... מזיק קומט אַריין, ער האָט מיך ליעב! איך האָב זיך תמיד אויסגעדרעהט פון איהם, אַז ער גיט מיך אַ נעם-צריין אין זיינע הענד, געהט מיר אַדורך אַ ציטער איבער'ן לייב... ס'בלוט הויבט-אָן צו זידען... אין קאָפּ — זיך מישען!... באָבע... עס הערט זיך אַ פייף פון דרויסען' זי גיט זיך אַ כאַפּ: דער מזיק!...

„מזיק" קומט אַריין; פרינקע בעוועגונגען, פרינקע אייגלעך, אַ ספּרית צו נקבות, אַ היטעל מיט אַ גלאַנציגען דאַשעק, — ער טוט גלייך אַ קיצעל די אַלטע אונטער'ן אָרעם: קכי!...

מירקע ציטערט פאַר פרייד, די אייגלעך גלאַנצען: כאַ-כאַ-כאַ!...

קיילע אָנגעכמורעט: געה, שאַף דיר עפּעס יונגערס!...

מירקע ווי פריהער: זי קען נאָך מפל'ן, מזיק...

„מזיק" מיט אַ פייף: מ'ברויך האָבען צו איהר אַ קופּערנעם יצר-הרע...

מירקע קאָנוואולסירט מיט'ן גאַנצען קערפּער: כאַ-כאַ-כאַ...

„מזיק" טהוט איהר ראַפּטום דעם אייגענעם קיצעל: קכי!...

מירקע כאַפּט זיך: געה... האָסט דיך אַלץ נישט געסטאַטקעוועט? ברייקעסט אַרום ווי אַ פערד!...

קיילע: די וועלט גיט איינעם אַ נאָמען: מזיק?...

„מזיק": נישט בחנם קיילע, האַ?... אַ קיצעל, קכי...

מירקע ווי פריהער: כאַ-כאַ-כאַ... מיט אַ ווינק, וואַש דיך צו נ'איהר... מזיק!...

„מזיק" מיט אַ מינע: קיילע, איהר קענט מאַכען מר-מקום?...

קיילע: אַז מיין שלמה'לע וואַרפט מיך נישט אַרויס, ווילסטו מיך הייסען געהן?...

„מזיק": דריי פויערים וואַרטען אין דרויסען אויף אייך — מיט אַ זעלבע פערד!... געהט אַרויס, נעמט אייך צו דער אַרבייט!...

קײַלע: פֿאַר וואָהר זאָלכטו לעבען, ווי דו זאָגסט אמת...

„מזיק": אי־ה־ מײַנט טאַקי,—ס'געהט מיר אין דער לינקער פּאה, האָבען מיך געפֿרעגט, וואו ס'וואוינט קײַלע די גאָלערקע,—זאָג איך אײַך... פֿאַר מײַנעט־וועגען?...

קײַלע שטעהט אויף: זאָלסט מיך נאָר האָבען גענאַרט...

„מזיק": געקומען אויף אַ חתלירע צו—אַ בעגרעבעניש, דער שוואַרץ־יאָהר ווײַסט זײַ,—און קענען זיך נישט ווײַזען אין קאָשציאָל מיט אײַנגעריסטע פּנים'ער... וואַרט־אָב ביז די אַלטע געהט אַרויס, איהר זאָלט מיר זײַן פֿאַר אַ שעהנע רײַנע העצע!...

מירקע: כאַ־כאַ־כאַ!...

„מזיק" זעצט זיך, און גיט איהר אַ ווינק,—זי זאָל זיך זעצען: נו?...

מירקע: ב'וואָס וועט זײַן?...

„מזיק": קום אַהער וועל איך דיר זאָגען!...

מירקע זעצט זיך, נישט דרײַסט: דו זײַ פֿון דערווײַטענס... שלמה'לע קומט אַרײַן, מאַכט ער פֿון אונז בײַדען קאַשע...

„מזיק": שבר איז דרינען?...

מירקע: שפּיעלט אין שטאָס!

„מזיק": אַ כאָלערע אין זײַנע בײַנער, ער האָט מיך פֿײַנט ווי אַ שפּין...

מירקע: ער ווייסט, דו האָסט געוואָרפֿען אַן'אויג אויף מיר...

„מזיק": ער איז אַן'אײַזערנער יונג...

מירקע: ווײַסט, ער האָט זיך בעריהמט פֿאַר מיר, אַז ר'האָט אַמאָל, בחור'ווײַז, אָבגעשטעלט אַ וואָגען מיט אַ פּאָר צוּבריקעוועטע פֿערד—בײַ די זספּריכעס פֿון ראָד!...

„מזיק": ~~[illegible]~~...

מירקע: די פֿערד האָבען זיך אַרויסגעריסען, דער גאַנצער וואָגען האָט זיך אויפגעשטעלט אין יופּטען, צופֿלויגען געוואָרען אויף שטיקלעך, און ער יאָט איהם געהאַלטען!...

„מזיק": און דו ביסט דערפֿאַר געלאָפֿען אויף איהם!...זײַן גבורה האָט דיך פֿער'שכור'ט...

מירקע אומעטיג: כ'בין געוועזן פֿאַרבלענדט...

„מזיק": האָסט שמואל־חײַם געלאָזט זיצען... ער קאָן דיר נאָך ביז'ן הײַנטיגען טאָג נישט מוחל־זײַן!...

מירקע קאַפּריזנע: כ'האָב איהם נישט ליעב געהאַט...

„מזיק": וועכט מיר אײַנרעדען... קלײַדלעך האָסטו געטראָגען פֿון איהם?.. צוקערקעס געגנבֿעט פֿון זײַן האַנד?..

מירקע: ~~ער האָט'ס מיר אײַנגענײַט~~..

„מזיק": ס'איז מיר נישט קיין חלוק... נאָר מירקע, הער... ס'איז גיר דיינ'ס אַ רחמנות—איך האָב דיך דענסטמאָל אויך ליעב געהאַט!... איך האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן—כ'בין נאָך גאָר אַ יאַט געווען... ביסט געווען אַ שעהן מיידעל, אַלע יונגען זענען געלאָפען אויף דיר... ביינעש... שמואל-חיים... אברהם-בער.. היינט ביסטו אַ ווייבעל. כ'ווייס?... וואָס איז מיר פאַר אַ חלוק. ווילסט דיך לאָזען אָבערעדען פון מיר?... לאָמיר ביידע אַוועק!... וויל איהר אַרגומענטען.

מירקע מאַכט זיך אַרויס: געה... כ'האָב מורא...

„מזיק": וואָס וועסטו זיך פערשוואַרצען דיינע יאָהרען מיט איהם?... ס'וועט דיר זיין באַנג?... וואָס לאָזטו איבער דאָ אין שטוב, זיין זויער פנים?...

מירקע: גיה, כ'האָב מורא פאַר דיר... כ'ווייס, דו ווילסט מיר עפּעס אָבטהון?...

„מזיק": זאָל איך אַזוי לעבען—ווי כ'האָב דיך ליעב!... כ'דרעה מיך אַרום ווי אַ געשלאָגענער הונד, ס'איז מיר מאוס פאַר'ן לעבען, און דו ביסט אַזאַ וואוילע... מירקע!... וויל איהר קושען.

מירקע: כ'וועל זיך נישט לאָזען!

„מזיק": זיי נישט קיין שלעכטע... וואָס ביסטו איינגעשפּאַרט?... יאָגט זיך נאָך איהר.

מירקע אַנטלויפט: דו וועסט אָבשטעהן? כ'וועל מאַכען אַ גוואַלד!...

„מזיק" פּאַקט זי: אַצונד וועסטו נישט אַרויס קיין לעבעדיגע פון מיינע הענד!... קושט איהר איבער'ן פנים.

מירקע קווישעט: גוו—אַ—לד!...

„שבר" ניט אַ פאַל אַריין—צוטומעלט, ווילד ווי אַ חיה, און לענט איהם אַוועק מיט אַ כמאַל צו דער ערד: ס'וועט אַ פייער אין דיינע אויגען, מזיק!...

„מזיק" שטעהט אויף: אַ כאָלערע... לאָזט נישט קיין פינגער לעגען אויף איהר...

„שבר": מירקע, דיר וועל איך אָבהאַקען די לעבער!...

מירקע קריכט אויף דער גלייכער וואַנד, מיט שרעק: וואָס וויל—ס זו פון מיר?...

לעפּאַק, סצערב, סוויטניק, קומען אַריין.

„סוויטניק": אַרגע ס'זאָל אַראָב-געהן גלאַטיג!...

„שבר" ווי פריהער צו מירקען: דו, געה מיר אַוועק פון אונטער די אויגען!...

מירקע ווי פריהער שטאַמעלט, שלמה'לע!...

„סוויטניק": האָט צו פיעל ס'קדחת פאַר איהר!...

„שבר" צו מירקען: מירקע, היט דיך!... היט דיר די ביינער!...

מירקע רוקט זיך אַזוי אונטערוויילעכטס אַרויס:

„סצערב" אויפגערעגט: ווען ס'קומט צו אַ משא-ומתן—האָט ער צו טהון מיט'ן קליפּט... נאָך אַ פּאָר טעג איבער-צי ק עז די שיין, — אויף די

צַנ ערע וואָך האָבען מיר שוין די שוואַרץ.

„סוויטניק": שבר האָט דאָך אַקליפּט, אַפייער זוכט איהם!...

„לעפּאַק" פּעררויכערט קאַלטבלוטיג: יאָ... יאָ... האָט זיך אָנגעהאָנגען אַ שטיין אויפ'ן האַלז, וואָס וועט איהר סוף־כל־סוף אַראָבשלעפּען אין דר'ערד אַריין...

„שבר" ס'זידט בייַ איהם: לעפּאַק, טשעפּע נישט!...

„סוויטניק": ער האָט שוין אַ מישוגנ אויף די געהירען...

„שבר" פאַרמעסט זיך: כ'וועל דיר געבען אַ ליאַפּ, וועסטו זיך איבער־דרעהען!...

„סוויטניק" שטעלט זיך אַקעגען: און איך וועל דיר אַריינוואַרפען אַ מ'שברך אין פּרעסער, אַז די רויטע יויך וועט דיך בעגיסען!...

„שבר" קעהרט זיך אָב, בעדענקט: מ'אוס'ער יאַט!...

„סוויטניק" אין גרויסען: אַ שטאַרקער?... זינט ר'איז געגאַנגען אַ וואַל־קע אין צירק?...

„שבר" פלוצלינג: וואָס ווילט איהר פון מיר?... כ'וועל אייך אַלעמען דער'הרג'נען!... רעוועט. געהט'סמיר אַוועק פון אונטער די אויגען!... נעמט שאַרען מיט דער האַנד.

מירקע פליהט אַריין פון דער אַנדערער שטוב, קלעבט זיך צו צו איהם, און לעקט איהם ווי אַ קאַץ: וואָס רייַצט איהר איהם?.. סוויטניק־גנב, ס'זאָל דיר אַזוי קאָכען אויפ'ן האַרץ,—ווי ס'קאָכט איהם?...

„שבר" קאָן זיך נישט שטילען: דער'הרג'נען... די בעביכעס... די געדערים אַרויסלאָזען...

מירקע שלמה'לע!... קושט איהם זייַ אַ מענש!...

„סוויטניק": אַ כאָלערע... ווי זי מאַכט דאָס די אָנשטעלען!...

„שבר" גיט זיך אַ ריס: לאָז מיך, מירקע, מ'וועט דאָ באַלד צוזאַמען־קלויבען זייַנע בייַנער אין אַ זעקעלע.

„לעפּאַק" גיט אַ וואָרף סוויטניק'ן: הולך! זעהט, ער ליגט שוין באַלד אין דער שווערער קרענק, און רייַצט זיך מיט איהם...

„סצעבר": ס'אַ — יאָלד געוואָרען!...

מירקע: קום, שלמה לע!... וועכט עפּיס נעמען אין מויל אַריין, וועט זיך דיר דער קאָפּ אויסלייַטערען...

„שבר" לאָזט זיך פיהרען פון איהר: די בעביכעס... די געדערים... אָב מיט איהר.

„סצערב" בעדויערט: אַ מאָל געווען אַ קינצלער אויף אַ שליאַם!...

„לעפּאַק" פּעררויכערט, מיט סאַרקאַזם: ס'פּעהלט איהם אַ יאַט'על... כאַ־כאַ־כאַ...

„מזיק": זאָל איך פֿאַרשפּילען די פּריי, ווי איך וועל איהם דאָס צו־דיענען!...

„כשר" אַנ׳אַלט יודעל, שלעפּט אַ פֿוס,—טויבליך; אַ הויכע פּלייצע, צוליעב וואָס—דער קאָפּ קומט ביי איהם אַרויס אויסגעבויגען, ווי ביי אַ פֿערד פֿון שפּאַן אַרויס, קושט די מזוזה ביים אַריינגעהן.

„סצערב" דערפֿרעהט: ר׳נחמן כשר האָט שוין אַודאי עפּיס פֿאַרגעריכט אַ שטיקעל אַרבייט!...

„כשר" טויבליך: האַ?...

„סצערב": איהר האָט עפּיס אַ משא־מתן?...

„כשר" שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: מילא־אַודאי!...

„סוויטניק": ר׳נחמן, אַ רינג קויפֿט איהר?...

„כשר" שטעלט אויף ס׳אויער: האַ?...

„מזיק": שיסט צו־נ׳איהם!... ער דערהערט נישט!...

„סצערב": געמאַכט איהם פֿאַר אַ לייט די תפֿיסה!...

„לעפּאַק": לאַנג געזעסען?...

„סצערב": דריטהאַלבען שאַנות־אַ וויראָק!...

„סוויטניק" אויפ׳ן אויער: איהר וועט זיין אַ סוחר אויף אַ רינג?...

„כשר" מיט אַ קנייטש: מילא אַודאי!...

„סוויטניק" צו לעפּאַק׳ן: וויין נאָר אָהער נ׳סיגנעט!...

„לעפּאַק" קאַלטבלוטיג: אין די ציין אַריין...

„סוויטניק": און פֿערקויף איהם דו, אַרוח אין דיין פּאָהר אין מי־טען מאַרק אַריין!... וויפֿיעל שטעהסטו אויף איהם?...

„לעפּאַק" בעוויזט איהם נחמנ׳ען: נאַט אייך ס׳כלי...

„כשר" בעטראַכט איהם מיט אַ גלאָז: דאָס אינגאַנצען?...

„סוויטניק": וואָס גיט איהר פֿאַר איהם?...

„כשר": וואָס ווילסטו?

„סוויטניק" בעוויזט אַ האַנד פֿינגער: פֿינף מאות...

„כשר" ווייזט איהם צוויי פֿינגער: צוויי...

„סוויטניק" אויף דער האַגד: האַר!... וויל איהם נעמען.

„לעפּאַק": אין די ציין אַריין!... ער נעמט איהם, לעגט אין בייטעלע, ברויך נישט קאָסטען קיין מלונה־געלד...

„סוויטניק": איהר קענט געהן עפּיס הצל ר?...

„כשר": שוין אַזוי אויך צו־שטאַרק בעטרעטען... כ׳וועל נישט מאַכען קיין געשעפֿט ביי איהם...

„סוויטניק": אַודאי... איהר האָט תמיד ליעב נ׳קאָפּ צו פֿערבינ־דען... ציהט פּלוצלינג אויס אַ האַנד. אַ מאה דער׳עגט איהר?...

„כ שר“ גיט איהם די האַנד: אַ פֿינפֿציגער...

„סוויטניק“: מעות!...

„לעפּאַק“ גיט אָב דעם ריגג: איך שטעה אויף איהם מיט אַ הונדער־טער...

„כשר“ צאָהלט זיך אוים מיט זיי.

„סצערב“: מזיק, האָסט עפּיס געמאַכט דאָרטען אויפֿ'ן שפּרינג?...

„מזיק“ מיט אַ פֿייף: מאָגער.

„סצערב“: געווען שלעכט אָנגעגעבען?...

„מזיק“: די כאָלערע ווייסט, געבראָכט [redacted]אַ קאַמוד, און דער שטימפּ איז מיר געקומען אויפֿ'ן פּנים — געמוזט געהן פּליטה!...

„סצערב“: האָסט שעהן מזל!...

„מזיק“: ס'געהט נישט...

„סצערב“: דו ביסט כאָטש אַ גליקליכער מענש, ברויכסט נישט וואַרטען אויף דער שוואַרץ...

„שבר“ קומט אַריין: אַ... ר' נחמן איז דאָ. אַודאַי עפּיס אַ רעכטען שליאַם פֿאַרמיינעטוועגען?...

„מזיק“: אפשר גאָר פֿאַר מיר, אויף אַ שפּרינג?...

„שבר“: אַזאַ יאָהר אויף דיר, ס'אַראַ שאָפּעגפֿעלער דו ביסט...

„כשר“: אַ וואַזשנער משא־מתן...

„סצערב“: טאַקע...

„כשר“ זעצט זיך אַוועק, שניפּט דעם טאַבאַק, אַלע זעצען זיך אַרום אין פֿער־שידענאַרטיגע פּאָזען, נאָך אַ לענגערער ווײַלע: אַ געלד־מלונה!...

„מזיק“ מיט אַ פֿייף: אַ פֿעטער ביסען!...

„סצערב“ אויפֿגערעגט: דו ווער ראָד־געבראָכען!...

„כשר“: זינט מ'איז אָנגעגאַנגען אויף כח ביים ביק, און געטראָפֿען די עטליכע טויזענד קערבלעך—אזוי האָט ער שוין מורא צו האַלטען ס'געלד ביי זיך אין שטוב, און עס אָבגעגעבען צום אַלטען פֿאָטער זיינעם, שמואל ביק,—אויף מלונה...

„מזיק“ טהוט אַ פֿייף.

„כשר“: שמואל ביק מיינט, אַז ס'וועט קיינער נישט פֿאַלען אויפֿ'ן שכל... אַזאַ עבר־ובטל—ס'זאָל ביי איהם דאָרט ליגען אַזאַ פֿערמעגען...

„סצערב“: מ'האָט שוין אויסגעקוקט ס'בעוואוינונג?

„כשר“: אַ שטוב מיט אַ קיכעל.

„סצערב“: און ס'פֿערמאַכעכט'ס?

„כשר“: נישט בעוואָרענט... ס'געלד ליגט אויף וואוטיש...

„לעפּאַק״: א נרינג משא-מתן—ס׳איז אויפ׳ן גאַנצען זיכערו...

„סצערב״: מ׳קען אַסך אָנגעהן?

„כּשר״: ס׳האָט קײַן שיעור נישט!

„סוויטניק״: איהר ווייסט וואו צו-צוגעהן?

„כּשר״: אין דער אַנדערער שטוּב, פון באַלקען-אַראָב, הענגט צו דער וואַנד-צו—אַ שענקעל מיט ספרים׳ צווישען די ספרים ליגט פּאַפּיר...

„מזיק״ מיט אַ פּײַף: זיי וועלען זיך שוין איינמאָל אײַנרײַבען נ׳ביילִיק!...

„כּשר״: אין שופלאָד פון שענקעל ברויך ליגען צירונג...

„מזיק״ ט[redacted]

„כּשר״: אין לאָמפּ איז די גרויסע קנויל אויסגעלייזדיגט פון שרויט און אָנגעפּילט מיט גאָלד...

„מזיק״ פּאַלט אַרײַן: איך וואָלט עס געמאַכט אויפ׳ן שפּרינג, אין אַ שבת׳דיגען פריהמאָרגען, ווען זיי געהן ביידע אַוועק צום דאַוונען...

„סוויטניק״: יאָ, סײַדען—אום יום כּפּור...

„שבר״ פּסק׳נט אָב: ס׳אַ—של׳אַם׳..

„לעפּאַק״: מ׳קען אויף ביידען נישט זעצען, ס׳גלייכסטע: נעמען בערד, און צווישען-טאָג-און-נאַכט אַרײַנפאַלען מיט שפּײַערס אויף כּח—ס׳וואָלט קײַן האָהן נישט געקרעהעט...

„סצערב״: מ׳וואָלט געברויכט, אַראָב-ברענגען אָלעק „ריזיקאַנט״; מ׳-ברויך עס גוט אַרומאַרבייטען, אַ שאָד אַזאַ משא-מתן זאָל געהן פאַרשיט...

„לעפּאַק״: ס׳פעהלען איהם מענשען—אַלע דרעהען זיך אַרום ווי די וועלף...

„סוויטניק״ חנ׳דעלט שלמה׳ל׳ען: שבר וועט עס אויך מאַכען, אַ פּײַער זוכט איהם!

„סצערב״: מ׳קען איהם אָבער נישט געטרויען; אין אַ מיטענדריגען קען איהם עפּיס אונטערפליהען אַ שמע קולינו,—און ער לויפט אַהיים צום קליפּטו!...

„סוויטניק״: ס׳איז אמת, אַ פּייער זוכט איהם!

„לעפּאַק״ פערוויכערט: ווייס איך, ס׳וועט שוין פון איהם קײַן לײַט נישט ווערען. אַ יאַט נעמט און פערדרעהט זיך אַ קאָפּ מיט אַ ווײַב. ס׳האָט איהם צוגעפּעהלט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען! פּויזע.

„כּשר״ וואָס האָט זיך אָנגעשטופּט אַ פולע נאָז מיט טאַבאַק: עולם, אַ גלייכער שותף...

„סצערב״: גוט, גוט, נאָר געהט, זעהט אײַך אַרום אין נאָך אַ פּאָר אַ-זעלכע געשעפטלעך, נאָך אַ פּאָר טעג צו דער שוואַרץ.

„כּשר״ מיט אַ קנייטש: מילא-אַודאי. פערנעמט זיך צו געהן אַ גלייכער שותף.

„לעפּאַק״: ר׳ נחמן, זײַט מוחל! איך וואָלט נישט געקענט זײַן בײַ אײַך

אַ פּאָר טעג אויף מלונה?

„כּ ש ר ” קעדרט זיך אום פון דער שוועל אַראָב: האַ?

„ל ע פּ אַ ק ”: אויף אַ לינקער כּתובה?

„כּ ש ר ” פאַרהערט: ח׳—ליבע?

„מ ז י ק ” מיט אַ פּניִת: מ׳קען מיט איהם וועלטען־פיהרען! איבער וואָס מ׳ברויך רעדען אין דער שטיל—מוז מען צו איהם פּויקען אויפ׳ן באַראַבאַן.

„ל ע פּ אַ ק ” אויפ׳ן אויער: אויף מלונה!?

„כּ ש ר ”, וואָס האָט זיך שוין אַ ביסעל געכאַפּט, איז מסכּים. מילא־אודאי.

„מ ז י ק ”: לעפּאַק, דער אַלטער איז אויס׳געשחור׳ט — קענסט כּוֹן איהם אַריינפּליהען אין קיטש!

„ל ע פּ אַ ק ” : אַ מאוס׳ע מעשה... זיך געהן אַראָב־וויִזען אין שטאָדט— איז אַ ביטערניש!

„ס ו ו י ט נ י ק ” : קענסט בלייבען נאַכט ביים שבר.

„ס צ ע ר ב ” : דאָ האָב איך מלונה.

„כּ ש ר ” כאַפּט זיך ביי דעם וואָרט: האַ?

„ל ע פּ אַ ק ” אויפ׳ן אויער: מ׳קען צו איך קומען אויף אַ חופש?

„כּ ש ר ” : מילא-אודאי... אָב.

„ל ע פּ אַ ק ” : שעהנע כּפּרה! ס׳איז פון איהם גרינג צו-ציהען פּליטה!.. פאַרנעמט זיך צו־געהן.

„ס ו ו י ט נ יק ” : וואַרט, איך געה אויך.

„ל ע פּ אַ ק ” אין טיר: נו, קום.

„ס ו ו י ט נ י ק ” : כ׳וועל קריגען אַ שלעפּ-צוטהון? נעמט דעם פּאַפּיראָס ביים סצערב, און גיט עטליכע ציה אויף אַ מאָל.

„ס צ ע ר ב ” : סוויטניק, אַרוח. האָסט דאָך איהם שוין באַלד אויסגע־זויגען! נעמט איהם צוריק: גאָר נישט געלאָזט פון איהם!

„מ ז י ק ” שאַרט מיט די הענד דעם רויך: טפו, אָנגעמאַכט אַ גאַנצען קאַלך-אויוועז אין שטוב.

לעפּאַק, סוויטניק—אָב.

„ש ב ר ” נאָך אַ וויילע: מזיק, וואַרף דיך אַרויס!

„מ ז י ק ” קוקט איהם־אָן : אַ קרענק דיר אין קאָפּ!

„ש ב ר ” : הויב די לעפּעל!

„מ ז י ק ” : ר׳האָט שוין ס׳קדחת פאַר׳ן קליפּט!

„ש ב ר ” : כאַפּסט אַ קלונג אין די ציין!

„ס צ ע ר ב ” מישט זיך אַריין, ס׳זאָל נישט קומען אין די הויכע גדולות: אין דער ערד אַריין מיט׳ן קאָפּ, מ׳וועט מאַכען נאַכט!

„מ ז י ק ” : ס׳וועט איהם אַסך העלפען, יאָ, אַ כאָלערע! אָב.

„ש ב ר“ גיט זיך ראַפּטום נאָך איהם אַ וואָרף אויף דער טיר, ווי אַ ווילדער אָקס: אַ פייער אין איהם! פאַר וואָס האָב איך איהם נישט צוריבּען צווישען די הענד? דעם שאַרבּען פון קאָפּ צופלעט? כ׳וואָלט קיין גאַנצען ביין אין איהם נישט געלאָזט... שטרעקט אויס אַ פויסט אין דרויסען: מ—זי—ק!

„ס צ ע ר ב“: ס׳איז פון דיר געוואָרען אַ נישט-גוט׳ס. מ׳מעג דיך אַוועק-פיהרען אין אַ מענאַזשעריע, אַריינזעצען אין אַ שטייג אונטער קראַטען, אַ נישט—אָנבּינדען אויף אַ קייט!

„ש ב ר“ צומישט: וואָס קריכט ער? סצערב, וואָס וויל ער פון איהר? ס׳וועט זיי אַלעמען אַ פייער אין זייערע געהירען, אַז זיי וועלען נישט אויפ-הערען צו קריכען!

„ס צ ע ר ב“ וויל איהם בערוהיגען: שטיק-אָקס! ער מיינט דאָך דיר דאָס אומישנע.

„ש ב ר“ ווי פריהער: כ׳וועל מיך דער׳הרג׳נען! כ׳וועל נישט לעבּען!... שלאָגט זיך מיט ביידע פויסטען אין קאָפּ: וואָס קריכט ער צו איהר?

מירקע, קיילע — פאַלען אַריין פון שטוב.

מ י ר ק ע: וועה איז מיר, ער האָט דאָך נישט קיין צורה פון קיין מענש! נעמט-איהם-צו.

ק י י ל ע שפּייט אויס: אַ בּייזער חלום, אַ בּייז בּעגעגעניש, — האָט-אָפּער מיט יענע לייט! אָב צוריק אין שטוב.

מ י ר ק ע: שלמה׳לע, וואָס האָסטו פון דיר געמאַכט? ס׳איז איהם באַלד נישט צו דערקענען!

„ס צ ע ר ב“: ברענען זיי ביידע אויפ׳ן פייער! איך וועל דאָ שטעהן און צוהערען זייערע מעשות— דאָס וועט זיין מיין פרנסה? מ׳ברויך זיך ערגיץ לאָזען אויף בּלינד, מ׳איז אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה? אָב אין גאַס אַריין.

„ש ב ר“ קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין: מירקע, פאַר וואָהר, זאָלסטו מיך בּעג-ראָבען אונטער אַ פּלויט: זאָל איך פוילען בּיים לעבּען, הערסט, די פריי זאָל מיר אַזוי דיענען, ווי דו מוזט מיר זאָגען דעם אמת: וואָס האָט ער דיך געיאָגט, דער מזיק?

מ י ר ק ע שטייף: ביסט משוגע?

„ש ב ר“: מירקע, וואָס האָט ער געוואָלט פון דיר?

מ י ר ק ע: כ׳זאָל אַזוי וויסען פון שלעכטס.

„ש ב ר“: פאַרבּרענט זאָל ער ווערען! ציטערט, די בּיינער וועל איך איהם קרייזלען!

מ י ר ק ע: כּעס דיך נישט, שלמה׳לע, האָסט אַ דר׳ערד פאַר איהם!

„ש ב ר“: ווי דו זעהסט מיך אַ לעבּעדיגען, כ׳וועל דיר גאָר נישט טהון. געהט אַרויס פון די כּלים. מירקע, פאַרוואָהר זאָל איך פערבּרענט ווערען, ווי דו

מוזט מיר זאָגען דעם אמת: ער איז געקראָכען צו דיר?

מירקע טרעט אָב פון מיט שרעק: שלמה'לע!...

„שבר" ווייכער: קרוינעלע, הארצעלע מיינס, דו ביסט דאָך צו מיר גאָר אַן אַנדערע געוואָרען. כ'קוק אין דיינע אויגען, זעה איך עפּיס אַ פרעמד פייער. ווער האָט דאָס פייער דאָרט אָנגעצונדען? ווער האָט דאָס פייער דאָרט אָנגעצונדען?

מירקע: עסדוכט זיך דיר...

„שבר" נעמט זי ארום: קוק אויף מיר, מירקע! נעם מיך ארום מיט דיינע הענד! אָט, אַזוי. דריק מיך, ווארג מיך... דערוואָרג מיך און כ'וועל דיר גאָר נישט טהון.

מירקע טוליעט זיך צו איהם: שלמה'לע, דו ביסט אַזוי שלעכט צו מיר.

„שבר": ניין, דיך האָב איך ליעב! כ'וואָלט דיך גערן אויפגעפרעסען! שלעכט בין איך נאָר צו זיך אַליין! זעהסט, אַז דו געהסט אַ מאָל אַוועק פון שטוב, כ'בלייב איבער אַליין, פאַלט אויף מיר אַזאַ מרה-שחורה, אַז כ'נעם זיך אַליין שלאָגען, וועסט מיר גלויבען? בעווייזט אויף דער האַנד: זעהסט, דעם פלעק האָב איך מיר אַליין געמאַכט. אין מיטען שלאָף, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ שלעכטיגקייט, אַז כ'האָב מיר אַ שטיק פליייש אָט-אָ-דאָ, געוואָלט אויסרייסען!

מירקע: וועה איז מיר, ס'אַראַ בלאָה ער צייכען. און פאַר מיר זאָגסטו גאָר נישט?

„שבר": אך קנייפּ מיר אויס שטיקער פליייש, ווייל ס'בלוט קאָכט אין מיר דענסטמאָל, דער קאָפּ הויבט-אָן צו זעצען!

מירקע בערוהיגט איהם: שלמה'לע! שלמה'לע! כ'קריג מורא פאַר דיר! דו ביסט עפּיס אַזוי מאָדנע!

„שבר" נעפּאַלען ביי זיך: כ'האָב געטראַכט: נאָך דער חתונה, כ'וועל האָבען אַ קינד, האָב איך מיר פאַרגענומען, אַז צוזאַמען מיט'ן קינד וועט ביי מיר אויך אַן אַנדערע שטוב געבוירען ווערען! אַן אַנדער הויז! ס'וועט עפּיס ליכטיגער ווערען! דאָס קינד וועט ריינוואַשען דאָס, וואָס מיינע ברודיגע הענד האָבען אַ מאָל פאַראומרייניגט; און אַז ס'וועט אונטערוואַקסען וועל איך מיט דעם אַוועק אין דער וועלט אַריין,—און ס'וועט קיינמאָל נישט וויסען וואָס דעם טאַטען'ס פּרנסה איז געווען...

מירקע לאַכט: כ'האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז דו שעמסט זיך אַזוי מיט דיין פּרנסה.. כאַ-כאַ-כאַ... ביינזע געדאַנקען פליהען דיר אַרום אין קאָפּ. שלמה'לע, געה, לעג דיך שלאָפען; דו ביסט מיר עפּיס נישט מיט אַלעמען.

„שבר": מירקע, דו ווילסט מיר נישט גלויבען? ניין? דו ביסט אַשלאַנג! דו ביסט נישט מעהר די אייגענע מירקע; אַ פרעמדע ביסטו מיר, אַ פרעמדע!

מירקע לאַכט קרענקליך: כי־כי...

„שבר" ווילד: דעם מזיק׳ס געלעכטער זעה איך אויף דיינע ליפּען, אַפרעמד געלעכטער!

מירקע לאַכט ביטערליך: מזיק האָט מעהר שכל און נאָגעל, ווי דו זיין קאָפּ!

„שבר": ווער? מזיק? אַזאַ יאַט? איך צוטרעט איהם ווי אַ וואורם...

מירקע לאַכט.

„שבר" ווילד: לאַך נישט! איך ווער ווילד! דער קאָפּ הויבט אין מיר אָן צו זעצען! מי—ר—קע!

מירקע קוקט זיך אַרום, פול מיט שרעק, מורמעלט פערלוירען: באָבע... באָבע...

„שבר" ווי פריהער: צוטרעטען וועל איך דיך! דער—וואַר—גען! וויל זיך וואַרפען אויף איהר; אָבער זי טהוט אַנ׳אויסטערלישען קוויטש.

קיילע ווייזט זיך אין טיר, דערשראָקען.

מירקע וואַרפט זיך אויף איהר האַלז: באָבע, ער איז משוגע געוואָרן! כ׳וועל נישט לעבען מיט איהם!

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט

מיט אַ צײַט שפּעטער.

„ש ב ר" שטעהט בײַ זיך אין שטוב, בעטראַכט אַ פּעקעל פּלים: שליסלען, וויט־רעס, דראָטען, אײַזענ'ס און אַנדערע מכשירים: מירקע, ס'פעהלט מיר אַ שטיקעל! נאָך אַ ווײַלע, מירקע, ס'פעהלט מיר אַ שטיקעל!

„ס צ ע ר ב": נו, מ'ווײַסט דאָך שוין, אַז ס'פעהלט

מ י ר ק ע בײַז: ס'האָט דאָרט קײַנער נישט גערירט.

„ש ב ר": סצערב, דו האָסט דיך נישט צוגעכאַפּט?

„ס צ ע ר ב": אַ וואַזשנע אַנטיק, ס'לוינט.

„ש ב ר": כ'האָב עס אַוועקגעקויפט בײַ אײַנעם, וואָס האָט געמאַכט עוקר קײַן אַמעריקאַ.

„ס צ ע ר ב" אונגעדולדיג: וועסט שפּעטער דערצעהלען מעשות! ווי לאַנג, זאָג מיר, קלערסטו צו כט־'ן צײַט? אַ שעהנעם שוואַרץ האָב איך דאָס, זינט כ'האָב מיך צוזאַמענגעפּאָרט מיט דיר!

„ש ב ר": אַ כאָליערע! זיי האָבען מיך שוין באַלד געמאַכט פאַר אויס בעל-מלאכה.

„ס צ ע ר ב": ווײַז נאָר אַהער וואָס דו נעמסט מיט?

„ש ב ר" גיט איהם: לאָז נישט עפּעס אַראָב,— מ'ברויך דיר קוקען אויף די פינגער?

„ס צ ע ר ב" בעטראַכט זיי: בעסערע שטיקלעך וואַלגערען זיך בײַ מיר אַרום.

„ש ב ר": אַלץ האָט ער, און אַז ס'קומט צו אַ שטיקעל אַרבײַט—קוקט ער יענעם אין האַנד אַרײַן.

„ס צ ע ר ב" בעליידיגט: שבר, כ'וואָלט דיר געוויזען, ווען כ'בין נישט קײַן האָז פון דער היים!

"שבר" ראַפּטום: סצערב, דו ווילסט דורכאויס הײַנט געהן אויפ'ן משא־מתן?

„סצערב": דו שטעהסט ערשט אויף פון שלאָף?

„שבר" נישט דרייסט: מירקע, וואָס זאָגסטו?

מירקע: גאָר נישט.

„שבר" קוקט זי טרויעריג־אָן: געמאַכט זיך אַ ברוגז, רעדט נישט.

„סצערב": האָסט איהר פעריאגט ב'מזיק.

„שבר": ער קומט אַרײַן—מאַך איך איהם אַ טויט אויפ'ן אָרט!

מירקע פלוצלינג: ביסט נישט ווערט זײַן אָבפּאַל! זאָלסט טרינקען דעם ברוד פון זײַנע פיס!

„שבר" גיט זיך אין גאַנצען אַ טרייסעל: מי—ר—קע! בייז. הויב נישט אָן מיט מיר, דו אַלטע שטיק!... אויפגערעגט: בנאמנות, איך פיהל שוין, ווי דײַנע ביינער קנאַקען מיר אונטער די פינגער.

מירקע פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוו..ן: כ'וויל נישט זײַן בײַ דיר! געה, דו פייניגסט מיך; איך האָב נישט קיין פרײַען בליק בײַ דיר, האָסט מיר אַרויפגעלעגט אַ פּענט אויף די פיס, ביסט אַ חיה!

„שבר" צוטומעלט: און דו ביסט אַ קליפּה!

מירקע: וואָס ווייס איך פון אַ מאַן, זינט כ'האָב מיט דיר גענומען חופּה־וקידושין?

„סצערב" שטיקט זיך פאַר געלעכטער: כאַ־כאַ־כאַ!

„שבר" שטעהט איינגעטונקען אין בלוט: פאַרברענט האָט זי געמעגט ווערען, די געלע חנא רעדט אַרויס פון איהר.. כ'ווייס, דער מזיק וויל דיך נעמען אויפ'ן קאַנט, און דיך שפּעטער שיקען אין גאַס אַרײַן.

מירקע: ער האָט מיך געקויפט פאַר אַ פּאָר טשוכעס, אַ ביסעל שמוק, און מיינט, ער וועט אייביג רײַטען אויף מיר?

„שבר": האַלט ס'פּיסק, מירקע, כ'זאָל אַזוי לעבען, ווי כ'דרעה דיר אָראָב ס'קעפּעל, ווי בײַ אַ טכויערזש!

מירקע שלאָגט זיך נערוועז אין קאָפּ: דרעה, שלאָג, הרג'ע מיך, וואַרף מיך אַרויס פאַר די הינד! ס'איז מיר אַלץ־איינס... — כ'וויל נישט לעבען מיט דיר!

קיילע קומט אַרײַן מיט'ן גאַנצען פּעקעל שטיינער, און מיט'ן ראַזיר־מעסער.

מירקע בעפאַלט זי: באָבע, די פוהרען וועלען מאָרגען קומען אויפ'ן יריד, וועסטו מיר געהן אַהיימשיקען אַ בריוועל צום טאַטען, ער זאָל מיך אַרויס־נעמען פון זײַנע הענד!

קיילע: האָסט פליה־פייגעלעך אין קאָפּ! מירקע, דער טאַטע האָט טאַקי כח צו דיר, אויף זײַנע יאָהרען! שפּײַט אויס די נשמה דרײַ מאָל אין טאָג פאַר אַ שטיקעל רעטעך... זעצט זיך שלײַפען ס'מעסער.

„סצערב": כ׳האָב גוט חתונה געהאַט! שבר, דו קלערסט אַ מאָל היינט אוועקצוגעהן?

„שבר" לעגט זיך אַוועק, אנגעכמאָרעט: געה אין דר׳ערד אַריין אָהן מיר!

„סצערב": דו ווייסט דיך אויסגראַבלען — ווען מ׳וועט שוין מעהר נישט קענען אָנקומען!

„שבר": שווייגט.

„סצערב": אַז מ׳זאָל נישט פאַקען אויפ׳ן ערשטען שלאָף — איז ס ווערט אין דר׳ערד אַריין.

„שבר": זאָל קומען דערויף אַ טויט!

„סצערב": פאַדלע דרעהט זיך דאָרט פון אַ גאַנצען אויף-דערנאַכט; ער האָט שוין גוט אָנלעווירט, ער בלייבט אויך שטעהן אויף צונג!

„שבר" שווייגט.

„סצערב": אַלטע לייט, — דאָס שלאָפט דאָך נישט; זיי ווילען זיך איבער שלאָפען די ערשטע שעה, אין פלאַפלען נאָכדעם אַ גאַנצע נ כט...

„שבר" שטעהט אויף, אָהן חשק: אַ כאָליערע, נעמסט מיך אויף כח...

„סצערב": געה, זיי נישט קיין פוילער הונד! שטופט איהם צום טיר.

„שבר" געהט, אין טיר: מירקע, פויזע. מירקע! פאַרברענט זאָל זי ווערען! פעדהאַקט די טיר אונטער זיך.

קיילע ציהט אָן ס׳ראַזיר-מעסער—פויזע: מירקע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט ?...

מירקע: כ׳וועל נישט לעבען מיט איהם!...

קיילע: ס׳שטעהט דיר שוין אנ׳אַנדערער צוקאָפּענ׳ס, פון בעט, וואָס כאַפּט דיך אויס?...

מירקע: הירשל מזיק וועט מיך אויך נעמען!...

קיילע: און שלמה׳לע גיט דיר שוין גט?...

מירקע: כ׳האָב איהם אין דר׳ערד מיט׳ן גט...

קיילע בעטראַכט איהר: ס׳אַ גוט שטיקעל סחורה... פון דיר געוואָרען, מירקע...

מירקע: מזיק איז אויך אַ פערדיענער! ער זאָגט מיר צו זיידענע קליידער, האָט פאַר מיר אָנגעגרייט אַ בריליאַנטענעם רינג...

קיילע פערזאָרגט: נו, הויב אָן מיט איהם...

מירקע: וואָס ברויך איך איהם?...

קיילע: פאָלג מיך, פאָהר בעסער צו אַ רבי׳ן... פרעג אַ מין-עצה... נעם סגולה... און האָב אַ קינד. וועסטו זעהן... ער וועט גאָר אַנ׳אַנדערער ווערען צו דיר...

מירקע: כ׳ברויך נישט פאָהרען אין ערגיץ... ס׳וועט אַראָבלויפען אַ

האַלב יאָהר—וועל איך אַזוי אויך זײַן אַ מאַמע...

ק ײ ל ע: הלואי... מײנסט, די גדולה וואָלט בײַ מיר קלײן געווען? מ'שטײנס-געזאָגט, בײַ דײַן מאַמע האָב איך ווײניג טרערען פאַלען געלאָזט? אַזאַ ליעב מענש—יונגערהײט געשטאָרבען... דײַן טאַטע האָט אַ צווײטע אַרײַנגענומען אין שטוב, און איך האָב געמוזט אַוועקגעהן. כ'בין אַ פרעמדע איהם געוואָרען, נישט מעהר קײן שוויגער...

מ י ר ק ע *נײַגיריג:* באָבע, ס'איז וואָהר, איך בין געראָטען אין מײַן מאַמען?

ק ײ ל ע: אַ גוט מענש געווען! נאָך ביז'ן הײַנטיגען טאָג נישטאָ איהר נאָמען... זי ברויך זיך לויפען מיהען!

מ י ר ק ע: ווײס איך? אונזער'ס אַ מענש האָט דאָרטען אויף יענער וועלט עפּיס אַ חשיבות? ער מוז אודאי דאָרטען אויך שטעהן בײַם טירעל, אַזוי ווי שמואל „וויעפש" דאָ אין בית-המדרש...

ק ײ ל ע *צוטומעלט:* זאָלסט דאָס נישט זאָגען!

מ י ר ק ע: און וואָס וועט זײַן, באָבע, אַז איך וועל האָבען אַ יונגעל?

ק ײ ל ע: אַ גרויסע שמחה! מאַי, האָב נאָר, וואָס גאָט וועט געבען—דאָס וועט זײַן! מ'קען זיך אויסבעטען: אַ יונגעל? אַ מײדעל? דײַן מאַמע איז געשטאָרבען—האָט מיך דײַן טאַטע אַרויסגעטריבען; אַצונד, אַז דו וועסט נישט האָבען קײן קינד—וועט מיך דײַן מאַן אַרויסטרײַבען... אַ קרעכץ.

מ י ר ק ע: די באָבע וועט מיר גלויבען?

ק ײ ל ע: כ'ווײס, וואָס כ'זאָל דיר גלויבען?

מ י ר ק ע: כ'וועל דיר אײַנרו'מען אַ סוד? *בײגט זיך אַריבער צו איהר:* יאָ מ'זאָל אַזוי לעבען... דו גלויבסט מיר נישט?

ק ײ ל ע *תם'עלט:* ווי אַזוי איז עס געווען?... שווײַגסט גאָר?...

מ י ר ק ע: וואָס האָב איך צו שרײַען?... מ'וועט עס שפּעטער אַלײן זעהן...

ק ײ ל ע: ווי?... און שלמה'לע ווײסט גאָר נישט?...

מ י ר ק ע: כ'האָב איהם מורא צו זאָגען...

ק ײ ל ע: ביסט אַ קעלבעל!... וואָס האָסטו מורא?....

מ י ר ק ע *נאַאיוו:* כ'ווײס?...

ק ײ ל ע: מירקע-לעב, דו געפעלסט מיר עפּיס נישט... קום-נאָר אַהער... דערצעהל מיר... שוין לאַנג?...

מ י ר ק ע: אודאי... *אויס'ן אויער.*

ק ײ ל ע: אַזאַ צײַט?... און דו טראָגסט עס אַרום אין זיך? אָ—וואַי אײן שעה ווען האָסט זיך אַזוי געשפּירט—האָט זיך אַלץ געברויכט בײַ דיר אָברײַסען פון פרײד!... אַזאַ זאַך?...

מירקע (אומעטיג): כ'האָב גאָר נישט געקלערט, בעדענקט זיך! באָבע, כ'בין אַלע מאָל אַנטלאָפֿן פֿון איהם... ווען ער איז געקומען—האָב איך מיך געשטאַרקט, געבעטן אַ כח... זיך געביסען אַלײן אין לײב... און... איך בין שטאַרקער געװען!... יאָ... און אַלע מאָל שטאַרקער געװען!...

קײלע: כ'פֿערשטעה דיך גאָר נישט!... כ'ווײס, ס'גאַנצע לעבען קוקסטו אויס אַ קינד... היינט: ס'וואָלט דער אַנאַנדער לעבען אַרײַנגעבראַכט!... און דו האָסט זיך אויסגעהיטען?... דו ביסט די שולדיגע געװען... און נאָך געהאַט תמיד אַ טענה צו איהם?...

מירקע: נײן... באָבע... שלמה'לע איז דענסטמאָל געװען אויף אַן'אַרבײט, און דו האָסט געגאָלט פויערים פֿאַר דער טומאה... איך בין אַלײן געבליבען אין שטוב, ער איז אַרײַן געקומען... געקושט... געהאַלזט... אַזוי צוגעדריקט צו זיך... באָבע, כ'ווײס נישט, וואָס ס'איז מיט מיר געװען!...

קײלע: וועה איז מיר!... ווער איז צו דיר אַרײַנגעקומען?... ווען?... ווער האָט דיך געקושט?.. האָסט עפּיס אָנגענומען אַ פֿול מויל?... פֿון וועמען רעדסטו?...

מירקע (בעהאַלט ס'פּנים צווישען די הענד): מזיק!...

קײלע: אַן'אומגליק!... וועה איז מיר!... האָסט איהם צוגעלאָזט צו זיך?... אַ פֿרעמדען יונג?...

מירקע (ביטער): זאָך... ס'בלוט האָט זיך צוקאָכט... ס'האָט מיר וועה־געטהון ביים האַרץ... כ'האָב גאָר נישט געפֿיהלט... געהאַט די אויגען פֿערמאַכט... און אַלײן נישט געװען בײ זיך... און אַלײן נישט געװען בײ זיך...

קײלע: כ'האַלט'ס נישט אויס!... כ'וועל מיר אַ מעשה אָנטהון...

מירקע: ער האָט מיך ליעב. דער מזיק... אַזוי ליעב... (נעמט זי אַרום.) צוגעזאָגט מיט מיר אַ חופה צו שטעלען!...

קײלע: געה... (מאַכט זיך אַרוים פֿון איהר.) כ'וויל דײַן פּנים נישט אָנקוקען מעהר!...

מירקע: מיר איז עס אַזוי ליעב... באָבע, שלמה'לע איז אַ הונד... ער קען זיך רײַסען איבער דער קײט, וואַרפֿען זיך, שלאָגען מיך...

קײלע: ביסט אַ קוה... אַ יונגע בהמה... אַ יאַ'עווקע... וועה... וועה... ביסט דאָך ערגער פֿאַר אַ משומדת!... אַן'אשת איש!...

מירקע (אויפגעלעבט): די באָבע פֿיהלט מיך נישט...

קײלע: ווײסט, ווען אַן'אישה כרעפּט וועמען אין מיטען פֿעלד, אײנע אַלײן, ברויך זי זיך לאָזען אומברענגען, דער'הרג'נען, און נישט צולאָזען צו זיך...

מירקע (שטיקט זיך פֿון לאַכען): כאַ־כאַ־כאַ...

קײלע (ברעכט זיך די הענד): גלײַכער, כ'וואָלט עס נישט געװען דערלעבט...

„מזיק" (קומט אָן מיט אַ פּײַף: מירקע, פֿאָהר־צו!... גיט אידר אַרום אָב די האַנד.)

מירקע קען זי נישט אויסגלייבן: זי איז דאָך שיער געבליבן ביי דיר די האַנד...

„מזיק": דער שבר איז נישטאָ?

מירקע ענטציקט: ווילסט דיך בערען מיט זיי ם?...

„מזיק" גיט די אַלטע אַ קיצעל אונטערן אָרעם: קכ...

מירקע לאַכט: כאַ-כאַ-כאַ אַ ...ינק אויף די אַלטע.

„מזיק" מיט אַ מינע: קיילע, איהר מאַכט גולה ענקית?...

קיילע: נישט דערלעבען וועסטו, מזיק, איך זאָל דיך אַליין לאָזען מיט איהר...

„מזיק": קיילע, שבר בעצאָהלט אייך, איהר זאָלט מירקען אָנהיטען?...—

קיילע: געה, טשעפע דיך אָב... זי איז אַ יודיש ווייבעל, הט אָב יודישקייט... און לעבט מיט אַ מאַן, ווי די תורה האָט געבאָטען, און ווי אַלע גוטע יודען הייסען...

„מזיק": קיילע, איהר קענט שווערען דערויף?...

מירקע: כאַ-כאַ-כאַ...

קיילע: ענטפערט נישט.

„מזיק" מ׳לאַכט פון אייך, מ׳לאַכט פון אייער באָבען... איהר זענט, קיין עין-הרע, אַזאַ אַלטע—און נאָך אַזאַ יאָלדעווקע!...

מירקע: כאַ-כאַ-כאַ...

קיילע ציהט אָן ס׳מעסער, מאַכט זיך נישט הערען...

„מזיק" פרובירט זיך: קיילע, פויערים האָבען זיך געפרעגט, אין דרויסען אויף זיין!...

קיילע שווייגט.

מירקע: כאַ-כאַ-כאַ...

„מזיק": מ׳זאָל אַזוי לעבען, דריי פויערים, ווי די ריעזען, מיט בערד גאַנצע בעזעמער...

קיילע: ס׳וואַקסען היינט נישט קיין נאַ-אָנים!... מיינט, ס׳וועט איהם נאָך אַ מאָל אָנגעהן?...

מירקע: כאַ-כאַ-כאַ...

„מזיק": זי איז געביפט, די אַלטע קלעמפע...

„סויטניק" קומט אָן פון גאַס: אויסגעפילט, גראָב, קוקט זיך אַרום: כשר איז נישט געווען?...

„מזיק": לעדיג דיך אויס... ביסט דאָך אַ גאַנצער בערענטרייבער!...

„סויטניק" נעמט אַראָב פון זיך דעם ראָק, און הויבט-אָן אַראָבצוּוויקלען פון זיך אַ מענגע זייד, וואָל-שטאָפען.

„מזיק" מיט אַ פייף: ווי האָכט דו דאָס פערדריענט?...

„סוויטניק": ס'איז פון אַ שעפּ... פערשטעהסטו,— אַרויסטראָגען קען מען ניט... דער בעזעם קוקט נאָך יעדען איינציגען וואָס געהט אַרויס!... נאָך אַ ווײַלע: כשר איז נישט געווען?... אויך אַ סוחר!...

„מזיק": כשר ווייסט, ס'איז פאַרהאַן פרנסה—לאָזט ער זיך נישט בעטען...

„סוויטניק" וואָס האָט זיך אויסגעלײַדיגט: מירקע, פעררוים דאָס, ס'זאָל נישט ליעגען פון אויבען!... מזיק, גיב, אַ שלעפּ-צו טהון!... נעמט צו פעררויכערען.

מירקע פעררוימט די סחורה.

„סוויטניק" ראַפּטום: לעפּאַק איז נישט געווען?...

„מזיק": האָסט דאָך שוין אָנגערופען אַלע אבות!...

מירקע: געקומען נאָכ'ן א מענש, ער זאָל אַראָפּפאָהרען אין אַ הויף אַרײַן צו אַ שטיקעל אַרבײַט...

„סוויטניק": כ'בין הײַנט אָנגעגאַנגען אויף אַ שעפּ; פערשטעהסט, איידער מ'זאָל נאָכאיינמאָל ריזיקירען—איז גלײַכער אַרומצואַרבײַטען אויף אַ קלאַפּ...

„מזיק": נעם מיך צו פאַר אַ שותף!...

„סוויטניק": וועסט העלפען טראָגען?...

„מזיק" מסכים: טאָק-ס'פינפטעלי... גיט איהם די האַנד. איך געה מיט אויפ'ן משא-ומתן...

„סוויטניק": שלעפּט אַרויס אַ פלעשעל פון קעשענע: מאַכסט אַ בראַנדעל?... מירקע, גיב אַ גלעזעל!

„מזיק": האָסט שוין מיטגעברענגט אַ פליאַכע?...

„סוויטניק: געטראָפען אין שופלאָד פון קאַסע-טיש אַ ביסעל דראָבנע געלד,—האָב איך אָנגעכאַפּט בײַם דרעהקאָפּ אין שענק, און אויף אַ דערווײַל מיטגענומען.. טרינקט.

„מזיק": ווער האָט דאָס אָנגעגעבען?...

„סוויטניק" גיסט-אָן: עפּעס אַ ,אָלד, אַ וואוטשטאָק!...

„מזיק" מיט אַ פײַף: ס'געדט אויף וואוטיש!...

„סוויטניק" גיט איהם ס'גלעזעל: לאָז אַראָב!...

„מזיק" גיסט אַרײַן, מאַכט אַ זויער פנים: ער פּאַקט שוין אָבער זײַנע יאָ'דען, כוויטניק-גנב...

„סוויטניק": מירקע, וועסט נעמען אַ טראָפּען?...

מירקע: דער קאָפּ וועט זיך מיר פאַרדרעהען!...

„סוויטניק": אַ דאגה האָסטו מיט'ן קאָפּ, מיט די פיס ביסטו זיכער, — אַז זיי וועלען בלײַבען שטעהן?...

מירקע טרינקט מיט אַ געלעכטער'ל.

קײַלע: זי איז שוין באַלד אינגאַנצען אַ פּאַרטיגע...

„סוויטניק": ניין!... כ'האָב גאָר פערזעהן... קיילע, איהר ווילט נישט איינבעצן די ליפען?...

קיילע: בעהאַלט עס פאַר דיינע חברים...

„סוויטניק" אויפגערוימט: נ'וואָס, איהר לאָזט אייך בעטען?...

„מזיק": נחמן כשר וועט איהר איינבעטען!

מירקע לאַכט: כאַ-כאַ-כאַ...

„סוויטניק": אַ, כ'האָב גאָר פערגעסען... קיילע, איהר לעבט פון כשר'ן גראָשען... און איהר ווילט נישט טרינקען — ווייל ס'איז געלקח'ט...

„מזיק": די מוטערס מילך וואָס זי האָט אין זיך אַריינגעזויגען, איז שוין געווען טרפה; מ'קען נישט איהר משפחה?...

„סוויטניק" אויפגערוימט: ס'איז עפעס אַ גרעטעניש אויף בערד, קיילע?...

„מזיק": זיי וואַקסען ווי אויף הייוועז...

„סוויטניק": אַ יודענע שטעלט זיך אונטער צו גאָלען אַ גאַנץ דאָרף מיט פויערים די בערד, כאַ-כאַ-כאַ...

מירקע: כאַ-כאַ-כאַ

„מזיק": ווי זי שאָבט, קראַצט די מאָרדעס, — ס'געהט אַרויך!... טמעס'ר גליטשט זיך, נאָר ווי איבער אַ גאָלער...

„סוויטניק": זעצט אַוועק אין אַ זונטאָג, און מיטען העלען-טאָג, פאַר דער „סומע", — אַ שטיק דרייסיג פויערים אויפ'ן גראָטוואַר, די פיס אַראָבגעלאָזען אין רינשטאָק, זייפט זיי אַלע איין, און פיצט זיי אָב די בערד — כו-כאַ-כאַ...

„מזיק": כאַ-כאַ-כאַ...

מירקע: כו-כו-כו...

אַלגעמיינער געלעכטער.

„לעפאַק" פאַלט אַריין פון גאַס: אַ בראָך האָט אייך געטראָפען!

„סוויטניק": לעפאַק, ביסט גרייט צו געהן אויף אַ קראַפ?...

„לעפאַק" צוריקגעהאַלטען: מ'שפירט פון דיר!...

„סוויטניק": אַ פייער זוכט איהם! מאַכסט אַ ברענדעל?...

„לעפאַק": האָסט עפיס צו פערבייסען?...

„סוויטניק": מירקע, מ'קען אַריבערשיקען נאָך אַ פונט קישקע?...

„לעפאַק": סוויטניק, האָסט געמוזט גוט אָנגעהן, האַ?...

„סוויטניק": אַ פייער זוכט איהם! וויל מיר קומען אויפ'ס קאָפ?... לעפאַק, ווי לאַנג דו נעמסט נישט קיין טראָפען, ביסטו נישט מיין מענש, האָב איך נישט מיט דיר וואָס צו רעדען...

„מזיק" מיט אַ פייף: ער וועט שוין אַצונד טרינקען מיט דער גאַנצער פלאַש...

„לעפאַק" נעמט אַ כוס'ע: ער מאַכט מיך טשיקאַווע!... טרינקט. גיב שוין!

„סוויטניק“: ער איז גוט?...

„מזיק“: נ'נעם איהם נישט אַרויס די נשמה!...

„סוויטניק“: מאַכסט נאָך אַ כוס'ע?...

„לעפּאַק“: איך וואַרף דיר ס'פּלעשעל אין קאָפּ אַריין!...

„סוויטניק“: וואַרף דיך נישט!... גיסט אָן אַ גלעזעל, מיין נשמה איז אויך נישט קיין ראָזשינקע...

„לעפּאַק“ בייז: כ'קען מיר פאָרשטעלען ס'משא-מתן, אַז ס'איז אָנגעקו־מען צו איהם אין האַנד אַריין...

„סוויטניק“ אויפגערוימט: מזיק, האָסט אַ תהלים'ל?...

„מזיק“ שלעפּט אַרויס אַ טאַליע קאָרטען: אַ שאלה?...

„סוויטניק“: נישט געשטאָכען?..!

„מזיק“: כ'האָב עס ערשט געשאָפּט אין אַ טאַבאַק-געוועלב'ל, וואו כ'האָב געקויפט פּאַפּיראָסען!...

„לעפּאַק“: יאָט'ן! ס'לאַקאָמעט זיך צו לקח'ן...

„סוויטניק“ פערקנאַקט: אַז ס'קומט די ליכטיגע שוואַרץ,
וועדט פרעהליך אויפן האַרץ;
אַז ס'קומט די פינסטערע שיין,—
לעגט מען די כלים אין טאַש אַריין...

„מזיק“ מיט אַ פייף: מירקע, כ'בין מיט'ן אויף א וועג...

„סוויטניק“ פערדראָסיג: אַ פייער...

„מזיק“ ווי פריהער: ווען כ'האָב איהם אַצונד אויף אַ משא-מתן פערדיענט ער אונז ביידען...

„סוויטניק“ פלוצלינג: הער, לעפּאַק, קענסט די „קאַטשקעס“?

„לעפּאַק“ קלעהרט: זיי זענען דאָך עטליכע אין שטאָדט!...

„סוויטניק“: די עלטערע... זענען צוויי ברידער. ליגען אונטען, אין קניפּע, צו גאַנצע נעכט...

„לעפּאַק“: אַ—האַ!... איינער איז אַ ביסעל געשטיפעלט... מיט אַ גראָבע נאָז...

„סוויטניק“: אָט... אָט...

„לעפּאַק“: אָ—האָ!... ס'איז אַ חברה-מאַן...

„סוויטניק“: האָסט מורא?...

„לעפּאַק“ געקרענקט: האָסט געזעהן.. אַ נורקע זאָל מורא האָבען?.. דוכט זיך, קומט אַליין משא-מתנ'ס...

„סויטניק“: ס'א— מצוה אויף איהם!...

„מזיק“ מיט אַ פייף: ווען פרעהט זיך גאָט, ווען איין גנב פערדיענט דעם אַנדערען גנב...

„לעפאַק”: וואו האָבען זיי כ׳געשעפט?...

„סוויטניק”: אויפ׳ן מאָרק... היינט׳ער די פולאַרען... באַלד אַזוי ווי מ׳קומט אַריין פון טויער—אַ טיר אין דער רעכטער האַנד...

„לעפאַק”: אין דער נידער?...

„סוויטניק”: אין דער נידער...

„לעפאַק”: ס׳איז נישטאָ קיין שכן אַקעגענאיבער?...

„סוויטניק”: ניין...

„לעפאַק”: און ס׳איז פאַרהאַן, וואו צו־ציהען פלטה?...

„סוויטניק”: ס׳אַ—הויף אַדורכצוגעהן... פון הינטען—אַ טויער...

„לעפאַק”: מ׳ברויך ביי אַזירען דעם בעזעם?...

„סוויטניק”: ס׳איז געשטייטער...

„לעפאַק”: וואָס קען מען טרעפען?...

„סוויטניק”: אַ ים מיט סחורה...

„לעפאַק”: און—כסף?...

„סוויטניק”: אַן אייזערנע קאַסע...

„לעפאַק” קלעהרט נאָך: ניין... איך געה נישט... קענסט דיר נעמען הירשל מזיק פאַר אַ שותף...

„סוויטניק”: האָב איך געברויכט פאַר דיר אַוועקלעגען אַזאַ טענה?... אַ פייער זוכט דיך!

„לעפאַק” מיט אַ קנייטש: ס׳משא־ומתן געפעלט מיר נישט!...

„סוויטניק” שווערט זיך: איך בין היינט געוועזן אין דרינען!..

„לעפאַק”: אויף אַ שעפ קען עס גוט זיין, און אויף אַ קלאַפ—נישט...

„סוויטניק”: ביסט אַ פרייער!

„מזיק”: לעפאַק זאָגט דיר — מעגסטו איהם גלויבען; מ׳מוז עסען פון זיין שחיטה...

„לעפאַק” צווייפעלט: אין מיטען מצרק... מ׳ברויך צו פאָהרען מיט וועגען,, מענשען דרעהען זיך... געה, שטעל דיך אַוועק שליעסען!...

„סוויטניק”: כ׳האָב דיך אין דר׳ערד, כ׳וואָלט נאָר איבער׳הזרט פאַר׳ן סצערב...

„לעפאַק”: יאָ, טויג זיך טאַקי אויף אַ קלאַפ; אויף אַ רעכטען שליאַם איז ער אַ בריה...

„סוויטניק”: דו האָסט תמיד פולע הויזען. און אַ פייג אין קעשענע...

„לעפאַק”: מזיק, גיב אַ העלצעל!... פערוויילעדט. ווייס איך... געה, טראָג זיך אַרום איבער די הייזער מיט שאַריע... אַז נעמען, ברודער, אַלסטו צוגעהן צו עפיס רעכטס! און וועט דיר ווער קומען אין וועג צו־ריין,— זאָלסטו

אַראָבדרעהן נ׳קאָפּ, בינדען. פערשטופּען ס׳מויל מיט אַ האַנטוך... נאָר די אַר־בייט זאָל דיר לוינען... ס׳זאָל זיין בעצאָהלט...

„סוויטניק״: דער כח האָט זיך אין איהם צושפּיעלט...

„לעפּאַק״: ריזיקירען אויף אַ לאָבזע?... ניין, ברודער, פערוויכערט. מיט אַנ׳אַנדער שטיקעל אַרבייט, אַז דו ווערסט האָבען,— קאָנסטו קומען צו מיר... פּויזע.

„מזיק״ זינגט זיך אונטער: אַז מ׳קומט פאַר׳ן שלעדעוואַטעל׳ס טיר,
שטעהט אַ פּרייער, ווייזט אָן אויף מיר...

„סוויטניק״: ס׳זאָל זיין גוט געמאַכט, קאָנען זיי מיר אָנפּייפּען... אַ פּייער זוכט זיי...

„לעפּאַק״: זעצט זיך צום טיש?... נעמט די קאָרטען טאַלירען.

„מזיק״: מירקע, קום־צו, ווערסט קריגען טאַך־געלד... זעצען זיך אַרום׳ן טיש.

„כשר״ קומט אַריין, קושט די מזוזה.

„סוויטניק״ צום טיש: וואַרט־צו, ס׳וועלען באַלד זיין די קלינגערס ר׳ נחמן, איך ברויך טאַקי נייטיג האָבען אַ סוחר! איהר זענט מיר אַראָבגעשיקט ווי פון הימעל־אַראָב!...

„כשר״: מילא־טאקי... האָסט עפּיס צו פערהאַנדלען?...

„סוויטניק״: אַ קרעמעל... שלעפּט אַרויס דאָס זיידוואַרג, גיט אַ טאַפּ.

„כשר״ הויבט אויף ס׳בים׳ל ס׳חורה, לעגט עס צוריק אַראָב: אָטאָ דאָס איז עס?...

„סוויטניק״: נו, קוקט עס נאָר איבער?...

„כשר״ שטופּט טאַבאַק אין נאָז אַריין, געלאַסען.

„מזיק״ פון טיש אַוועק: ער האָט שוין געהאַט אין דער האַנד... נישט קשה, ר׳ נחמן איז אַ סוחר—האָסט זיך צו פערלאָזען אויף איהם...

„סוויטניק״: אונגעדולדיג איהר האָט שוין געזעהן?...

„כשר״: מילא־אודאי...

„סוויטניק״: נו?

„כשר״ טהוט אַ גים: מה־יקר?... וויפיעל זינגסטו?...

„סוויטניק״: ווי אַזוי ווילט איהר עס קויפען?... אויף די אַרשין, צו־אויפ׳ן ראמש?...

„כשר״: אַזוי ווי ס׳ליגט... אויף דער קופּע...

„סוויטניק״ פאַרמעסט זיך: איהר גיט... אַ טויזענטער?...

„כשר״ פאַרנעמט זיך געהן צו קוילען: קריגט מען דאָך ביי אַ יודו!...

„סוויטניק״: וואַרט־נאָר, איהר מעגט דאָך עפּיס צו־זאָגען?...

„כשר״: זעצט זיך נעבען קוילע׳ן: כ׳האָב גאָר נישט וואָס צי־צו־זאָגען...

„מזיק" פון טיש אַוועק: ער האָט איהם נישט'קשה'דיג אויפגעזוונגען פאַר'ן ביסעל שאריע...

„כשר": פאַר דעם געלד קען דער פגר בלייבען ביי דיר...

„סויטניק": איהר האָט גאָר נישט וואָס צו־בעטרעטען?...

„כשר" קנייטשט: אַ דרייער'ל...

„סויטניק" אָנגעבריהט: סאָק פון אַלטען בעל־דרשר... נעמט צולעגען די סחורה.

„כשר" תמ'וואַטע: כ'קען דיר עפּיס דערלעגען...

„סויטניק": איהר זענט אַ צושמייִדיגער קונה...

„כשר": מיר ברויך דאָך עפּיס פערבלייבען...

„סויטניק": ס'איז נישט פון קיין קלאַפּ; ס'איז פון אַ שעפּ—איהר מעגט עס אַריינטראָגען, וואו ס'איז געוואָרען פערדיענט...

„כשר": מילא־אודאי...

„סויטניק": איהר קענט דאָס פאַרקויפען אויף כשר! נאָך אַ ווײלע, איהר גיט אַ פינפער'ל—איז עס אייערס!...

„כשר" געהט־צו, בעטראַכט ס'ביסעל סחורה: און אויף פיער קען עס גוט זיין?...

„סויטניק": ניין...

„כשר": און פיער מיט אַ האַלבען?...

„סויטניק": מעות!...

„כשר" צאָהלט זיך אוים מיט'ן: פע... ביסט אַ צײַן־רײַסער...

„סויטניק": כ'געה צום בלינדען קורניק־גיט ער מיר טאָפּעלט... דענט אַריין צו זיך ס'געלד, עסט איהר אייך אָן דערמיט, און לאָז אייך וואויל בעקומען!... זעצט זיך צום טיש: ווי האַלט עס דאָ?...

„לעפּאַק": דריי מאָל איבערגעגאַנגען...

„סויטניק": איך קויף די באַנק...

„מזיק": זי קאָסט מעהר, וויפיעל דו האָסט גענומען פאַר'ן גאַנצען משא־מתן!!!

„סויטניק": אַ פייער זוכט דיך... שפיעלען צוזאַמען.

„כשר" וואָס האָט זיך צוזאַמענגעלעגט ס'קרעמעל,—האָט זיך נאָכדעם אַוועקגעזעצט צו קיילען: טייער בעצאָהלט...

קיילע: לאָזען זיך נישט אַריינשפּייען אין קאַשע...

„כשר": מילא־אודאי... פויזע. שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען?...

קיילע: שפּאָר...

„מזיק": ר' נחמן וואַרט שוין אויף דער חלוקה!...

„לעפּאַק": טשיקאַווע, וואָס זיי וועלען טרעפען?...

„כשר": איהר האָט עפּיס געהאַט צו טהון היינט?...

קיילע: אַזוי... ס'איז נישט קיין זונטאג...

„כשר": מילא, וויפיעל ס'פאַלט אַריין,—איז דאָך אַזוי ווי געווינען...

קיילע: בעצאָהלען דאָך נישט!...

„כשר" פאַרהערט: האַ?...

קיילע: ווילען נאָר וואָלוועלי!...

„כשר": מאַכט מען זיי וואָלוועלי!... וואָס לעגט איהר דאָ אַריין?...

קיילע: אַ זעקסער — אַ באָרד...

„כשר": אַ זעקסער — אַ באָרד...

קיילע: כ'מעסער קאָסט... זייף קאָסט...

„כשר": ווערט אַ שישקע!...

„סוויטניק" ביים טיש: איינ-און-צוואַנציג!... מיר קומט די באַנק!... נעמט איבער די קאָרטען. שוין באַלד פערבראָקט דעם טאַטען מיט דער מאַמע'ן...

„לעפּאַק": ווי'סט אַצונד צוריק אָנציהען אַ פּאָר גוטע לעזען...

„מזיק" שטעהט אויף: דער אַלטער פיצט זיך צו קיילען!... בנאמנות ס'אַ גליקליך כאָר-פאָלק!. כי-כאַ-כי!...

„כשר" בייז: פּע! אַזוי רעדט נישט קיין לייט'שער מענש...

מזיק גיט איהר אַ קיצעל: קכי... אַ געלעכטער ביים טיש.

„כשר" שטעהט אויף: בדעה געהאַט צו-צו-וואַרטען ביז זיי וועלען צוריק-קומען, לאָזט ער מיך ב'קיין אייפ'ן נישט. טרייבט מיך אַרויס...

„סוויטניק": וואָס האָט ער זיך גענומען צו ר'נחמנ'ען. אַ פייער זוכט איהם!...

„מזיק": פאָלגט מיך, ר' נחמן, לעגט אַוועק די אַלע יאָלדישע שטיק... שטעלט אָ חופה מיט קיילען... זי איז אַ פערדיענערין; זי וועט אייך קאָכען אַ לעפעל וואַרעמס. און איהר וועט זיין זיכער, נישט אַריינצופאַלען אין קינ'ש.

„לעפּאַק": ער מעג באַלד געהן פאַר אַ דיין... כאַ-כאַ...

מירקע: כאַ-כאַ-כאַ...

„מזיק" כאַפּט אַרום מירקע'ן: קיילע, מאַכט איהר אַנ'אָנהויב, — נעם איך מירקען, און מאַך מיט איהר אויך אַ ויברח!... הויבט איהר אין לופטען.

מירקע פליהט ווי אַ פייגעלע: גוו—אַלד!... כ'נער—ליר ס'קליי—ד!...

„שבר" גיט א פאַל אַריין; מיט גרויסע אַרויסגעזעצטע אויגען, קענטיג, דער-שלאָגען, בלייבט שטעהן ווי אַ בעזיגטער ריעז. ציהט שווער אָב דעם אָטעם: וואָס איז דאָ?... אַ כאָלערע...

„לעפּאַק": די מיתה ליגט איהם אויפ'ן פנים...

„שבר" פערבייסט די ליפען: מזיק, וואָס קריכסטו?...

„מזיק" קען זיך קיין אָרט נישט געפינען: דאָס שוואַרץ יאָהר האָט גראָד גע-ברויכט איהם אָנטראָגען!...

„שבר״: מירקע, וואָס האָט ער דיר געטהון?...

„מזיק״: אָנגעביסען אַ שטיק נאָז!...

„לעפּאַק״: געה אַוועק, מזיק, ער וועט דיך צורייבען!...

„מזיק״ דרייסט: וואָס צאַפּעלט ער נאַר איהר?... אַ פולע שטוב מיט מענשען, און די אויגען קריכען איהם פון קאָפּ: וואָס כ׳האָב איהר געטהון?...

„שבר״ געפאַלען ביי זיך: אַ בראַנד אין זיינע גדעריםֿ.. לעגט זיך אַוועק אויפ׳ן קאַנאַפּע אַזוי ווי געפּגר׳ט.

„סוויטניק״: אַ פייער...

„לעפּאַק״: שבר, גראָב אָנגעגאַנגען?. איך האָב שוין נישט קיין כח צו וואַרטען!...

„שבר״ שווייגט.

„מזיק״ טהוט אַ פייף.

„סווימניק״: ס׳איז נישט גלאַטיג...

„לעפּאַק״: שבר, ס׳משא-מתן איז פּערדיענט?. פויזע. ר׳ נחמן וויל אָנגעבער-געלד...

„כשר״: מילא-אודאי...

„שבר״ ווי פריהער: אַ טויטע בראָך...

„סוויטניק״: מ׳קען נישט דערגעהן, אַ פייער זוכט איהם!...

„מזיק״: דער רוח ווייסט איהם, ס׳לשון אָבגענומען!...

„לעפּאַק״ נאָך אַ מאָל: שבר, ס׳משא-מתן איז פערדיענט?..

„שבר״: ס׳קדחת!..

„לעפּאַק״: נישט געקענט צוקומען?...

„שבר״: געכאַפּט אַ שחור!

„מזיק״ מיט אַ פייף: ר׳ נחמן האָט זיך צוגעאיילט נעמען חלוקה...

„לעפּאַק״: וואו איז דער סצערב?

„שבר״: געבינדען...

אַלע צוטימעלט: אַריינגעפאַלען?...

„לעפּאַק״ נאָך אַ קליינע ווײלער: ס׳איז געווען אַ חי?..

„שבר״: די גאַנצע שטאָדט איז אויף...

„מזיק״ מיט אַ פייף: ס׳געהט איהם מלעהריש—, דע יונג...

„שבר״: פאַרברענט זאָל עס ווערען!...

„סוויטניק״ וויל איהם פערענטפערען: אַ קלוגער פאַלט אַמאָל אויך אַריגער...

„לעפּאַק״: און דו ביסט נעלם געוואָרען?...

„שבר״: קוים מיט׳ן לעבען!...

„סוויטניק״: אַ פייער זוכט זיי...

„כשר״ צוטימעלט: איך מוז שוין עוקר זיין, ביי מיר אין שטוב איז

נישט אַלץ גלאַט-כשר...

„ס ו י ט נ י ק" שטופּט אין איהם אַרײַן ס'ביסעל סחורה: געהט אַהיים, רוימט אויף ס'ביסעל זײַד, מ'וועט דאָ כּסדר געהן אויף אַ חופּש...

„כּ ש ר" פֿער'דאַגה'ט: מנע... שבר, מ'איז דיר געקומען אויפ'ן פּנים?...

„ש ב ר": אַ טויטע בראָך...

„כּ ש ר" פֿערזאָרגט: דער יונג זאָל איהם נאָר נישט צו-פּיצען!...

„ס ו י ט נ י ק": אַ יאָלד איז ער?...

„כּ ש ר": מילא-אודאי... אַ גוטע נאַכט... קושט די מזוזה—אָב.

„ל עָ פּ אַ ק": איך מוז מיר אויך געהן בעצײַטענס אָבזוכען אַ פֿרישע מלונה, כ'בין דאָ אויף אַ לינקען-שכו... אָב.

„מ ז י ק" מיט אַ פֿײַף: ער האָט גוט אָנגעמאַכט...

„ס ו י ט נ י ק" נאָך אַ ווײַלע: וואָס איז געשעהן?... שלעכט געווען אָנגעגעבען?...

„ש ב ר": פּאַדלע... אַ טויטע בראָך... געלאָזט דעם שטימפּ אַ רויפּקומען אויפ'ן פּנים..

„ס ו י ט נ י ק": נישט געגעבען קײַן צונג?...

„ש ב ר": די כאָליערע ווײַסט איהד... אײַנגעשלאָפען... אַ שטיק פּאַדלע... פֿאַרברענט זאָל ער ווערען...

„ס ו י ט נ י ק": אַ פֿײַער זוכט איהם...

„ש ב ר": ס'משא-מתן איז שוין געווען פֿערדיגענט; האָט דאָס שוואַרציאהר געברויכט גראָד אָנטראָגען שמואל ביק,—ער געהט אַרײַן, די טיר שטעהט אָפען, מאַכט ער אַ יעלה,—און דער גאַנצער הויף שטעהט אויף די פֿיס...

„ס ו י ט נ י ק": און וואו האָט מען איהם געבונדען?...

„ש ב ר": דער סצערב איז פֿערשיט געגאַנגען אויף די שטיגען; אָבגענומען בײַ איהם ס'געלד, די כּלים...

„מ ז י ק" מיט אַ פֿײַף: דריטהאַלבען שאָנות אויף דער האַנד!...

„ס ו י ט נ י ק": ס'וועלען איהם אַצונד ארויפשוואומען נאָך אַ פּאָר פּעקלעך פֿון דער היים...

„ש ב ר": מ'האָט איהם שוין דאָרטען אָנגעטהון אַצונד סבראַנזלעטעל אויף דער האַנד...

„ס ו י ט נ י ק": אַ פֿײַער זוכט זײַ...

„ש ב ר": איך האָב אָבגעצויגען דורך אַ פֿענסטער פֿון ערשטען שטאָק; געמאַכט דרײַ גאַסען, אַלץ געמוזט אָוואַרפען פֿון זיך...

„מ ז י ק" מיט אַ פֿײַף: וועלכער וואָטשטאָק ס'וועט דאָס אויפהויבען...

„ס ו י ט נ י ק": אַרײַנפֿליהען אַ געבראָטענע טויב אין מויל!... אַ פֿײַער זוכט זײַ!...

„שבר״ פלוצלינג: קײלע, קײלע, בעט מיר ס׳בעט... דרעהט אַראָב די לאָמפּ.

„סוויטניק״: מזיק — הולך!... בײדע אָב.

קײלע געהט אַרײן אין די אַנדערע שטוב.

„שבר״: מירקע!... פּויזע מירקע... קוקט איהר אָן מיט אַ טראַגישען בליק.

קײלע ווײזט זיך אין טיר: ס׳בעט איז געבעט...

„שבר״ שטעהט שווער, אומגעלומפּערט, געהט־צו צו דער טיר, פון דער שוועל אַראָב: מירקע!... מירקע!... בעקומט נישט קײן אַנטוואָרט: אַ כאָלערע זאָל'ס נעמען!... פערהאַקט די טיר אונטער זיך.

פּויזע.

קײלע: פאַרוואָס געהסטו נישט שלאָפען?... יונגע בהמה, ווילסט אויפ־ס׳נײ אָנמאַכען אַ חתונה?... ברענג איהם אין כעס אַרײן, וועלען דײנע בײנדלעך באַלד קנאַקען אונטער זײנע הענד...

מירקע שווײגט.

קײלע דרעהט זיך אַרום אין פערלעגענהײט: ס׳פעהלט דיר נישט מעהר... האַ?...

מירקע לאָזט אַרוים אַ געווײן, — ווײנט שטיל און אײנגעהאלטען, אַ לאַנגע פּויזע

„שבר״ קומט אַרײן אין די בלויזע הויזען, שטעק־שיך, אין בלויזען קאָפּ, אַ ווײס־העמד אויף שעלקעס, בעטראַכט זי לאַנג, מגושים׳דיג: בהמה!...

קײלע מיט אַ פינגער בײ דער ליפּ: פאַרוואָס געהסטו נישט אין בעט אַרײן?...

„שבר״ צווישען די צײן: פאַרברענט זאָל זי ווערען!...

מירקע היסטעריש: כ׳וועל מיך שעכ—טען!...

„שבר״ פערצווײפעלט: קײלע, וואָס איז דאָ געוועזן?...

קײלע: זי איז אַ מיוחסות?... שטעהט אין גרויסען?...

„שבר״ ברומט: פאַרברענט זאָל׳ס ווערען!...

קײלע: זי טראָגט...

„שבר״ גיט זיך אַ כאַפּ, די אויגען גיבען בײ איהם אַ בליץ חי בײ אַ וואָלף קוקט ווילד: האַ?... ס׳האָט זיך אײך גע׳חלומ׳ט?...

קײלע: יאָ... יאָ... זאָגט עפּים שטיל אויפ׳ן אויער.

„שבר״: מירקע, און דו שווײגסט?... ביסט נאָך אַלץ ברגז?... נעם מיר נישט צרויס די נשמה?... דו נאַרסט מיך נישט?... גיט זי אַ כאַפּ, נעמט טאַנ־צען מיט איהר, משוגע: מירקע, זאָל מען, מיר צאַפּען ס׳בלוט פון האַרצען, שלאָגען פלעקער אויפ׳ן קאָפּ, ווי דו מוזט מיר זאָגען: ס׳איז אמת?...

מירקע פּיעשציעט זיך בײ איהם: אוי, שטיק מיך נישט!...

קײלע: ס׳איז וואָהר שלמה׳לע!... ס׳איז וואָהר...

„**שבר**" שלעפּט זי איבער׳ן שטוב מיט אַנ׳אויסערגעווערנליכע פרייד: קײלע, מאַכט ליכטיג!... איך געה ניעט שלאָפען מעהר היינט!... פאַרברענט זאָל׳ס ווערען!... קײלע, ס׳איז מיר נאָך קיינמאָל נישט אַזוי וואויל געווען... מירקע, וואָס שלאָפסטו?... גיב אַ זינג... דראָ — דראָ!... גיב אַ שפּרינג... אַ הויב ס׳פּיסעל... טאַנצט מיט איהר. מירקע, ווען איז דאָס געווען?...

מירקע קען איהם נישט קוקען אין די אויגען: געדענקסט נישט, שלמה־לע... ביסט געקומען אַ היים... מיט אַ פּאָר חדשים צוריק... ביסט געווען שכור... און... און... שכור...

„**שבר**" כאַפּט איהר אין לופטען: פאַרברענט זאָלען זיי ווערען!... האָבען אויף מיר אויסגעטראַכט: „שבר"! כ׳בין אַ „שבר"!... קײלע, וואָס זאָגט איהר?... קײלע?...

קײלע: פאַמעליך, שלמה׳לע... מ׳טאָר איהר נישט דריקען... זי מוז זיך היטען מיט אַנ׳איבריגען טריט.·. מיט אַנ׳איבריגען שפּרינג...

„**שבר**": ש-ש-ש... זי איז מיעד, זי שלאָפט... טראָגט זי אַרוים אויף די הענד, אויף די שפּיץ-פינגער פון די פיס, נישט אָנריהרענדיג כמעט מיט׳ן קערפּער.

קײלע קוקט נאָך וואו ווי פערשווינדען, לעגט צו אַ פינגער צום מויל. שאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ: ס׳זאָל נאָר זיין אויף לאַנגע יאָהרען, די גדולה...

פאָרהאַנג.

דריטער אקט

מיט אַ צײַט שפּעטער.

„שבר״ בײַ זיך אין שטוב, שטעהט אַריבערגעבויגען איבער׳ן וויעגעל, פֿערגלייווערט קוקט אַרײַן אין קינד.

קײַלע קומט אַרײַן, שפּײַט אוים: טפו... טפו... מ׳טאָר דען אַזוי אַרײַנקוקען אין אַ קינד?... ס׳קעפּעלע קען איהם ווערען טהון...

„שבר״ גיט זיך נישט קײַן ריהר.

קײַלע: אַ מענש האָט נישט קײַן נאמנות... כאָטש שחט... הרגע... נעם, שנײַד דיר אויף ס׳האַרץ!... פֿאַרהעננגט ס׳פּנים׳ל פֿון קינד מיט׳ן פֿאָרהענגעל.

„שבר״ געהט אַוועק, זעצט זיך אין אַ ווינקעל, אַרײַנבעהאַלטען דעם קאָפּ צווישען די הענד, קוקט מטשטש.

קײַלע וויעגט אונטער ס׳קינד, זינגט:

אַז די „לאַפּאַצעס״ זענען אַרײַנגעקומען אין שטיב,
און געפֿינען די שאָריע או פֿ׳ן הויף, אין אַ גריב...

רופט: מירקע!... מירקע!...

מירקע קומט אַרײַן. בלאַס, ס׳פּנים געענדערט, טיעפֿע שפּורען פֿון עקשנות

קײַלע: ווען האָסטו געזײַגט ס׳קינד?... זעצט זיך איבער פֿון פֿאָרענט צום שלײַפֿען ס׳גאָל-מעסער: אַלץ געהט אַרום צעראָבגעלאָזט די נאָז!...

מירקע שטעהט ווי אַ שאָטען אין מיטען שטוב.

קײַלע: דאס האָט בעדאַרפֿען אַ קינד, ווי איך אַ מאַן... פּויזע. מירקע, וועסט זיך פֿערזינדיגען — ס׳צאַפּײַגעלע... פֿאַר וואָס גיסטו איהם נישט די ברוסט אין פּיסקעל?... עס האָט נאָך פֿון האַלבען טאָג-אָן נישט געזויגען?... ס׳איז דאָך אַן עופעלע...

מירקע גיט זיך אַ כאַפּ, לאָזט זיך שווײַגענדיג אַראָב איבער׳ן וויעגעל, גיט עס צו זויגען. פּויזע.

„לעפאַק“: קומט אָן פון דער אַנדערער שטוב: ס'איז טוב שבֿיאָלד!... אַ נאָז פון דיינע אייִלען!...

„שבר“: גאה, ווער פֿאַרברענט.

„לעפאַק“: דער רוח נעמט איהם! זאָג מיר: אַזוי נעמסטו זיך איבער פון יאַט'ל?... וואָס, ס'נעזעל איז פאָדאָבנע צום מזיק?.

„שבר“: גאה, ווער פֿאַרברענט...

„לעפאַק“: שטיק „שבר“!... האָסט אַ זאָרג דערמיט, האַ?... קרענקליך שבר, ס'וועט סיי-ווי-סיי נישט לאַנג אָנהאַלטען... ביי אונזערס אַ מענש כאָוועז זיך נישט קיין יאַטין...

„שבר“: גאה צו דער געלער חנא, גאה...

„לעפאַק“: אונזער'ס אַ מענש טאָר זיך נישט נעמען אין זין אַריין, אַז ס'ווייב זאָל אויף אייביג געהערען צו איהם אַליין... פערשטעהסט?...

„שבר“: ווער האָט דאָס געזאָגט?..

„לעפאַק“: דער רבי ר' צאָן!. ענדערש ווילסטע דאָבען אַ ווייב אויף סטאַלע — זאָלסטו באַסטירען!...

„שבר“: מוז איך אַוועקוואַרפען די מלאכה?... וואָס בין איך ערגער פאַר אַ סגאָליאַר, אַ בלעכער, איך גאה אַרבייטען פאַר פערגעניגען?... איך ריזיקיר נישט דערביי ס'לעבען?...

„לעפאַק“: אַ... וויל דו ברויכסט ריזיקירען... דו מוזט בעקלערען אַז דו ריזיקירסט נישט בלויז אַ משא-מתן, זיך אַליין, נאָר אויך דיין ווייב. דו געהסט פערשיט, פאַלסט אַריין, רייכט אַ וויראָק פון עטליכע יאָהר, — און דיין ווייב?...

„שבר“: כ'האָב עס שוין געהערט פון דיר...

„לעפאַק“: און זי כוו נאָך שפעטער געהן פערדיענען, דיר אַריינשיקען פאַר'ן אייגענעם געלד צו-פרעסן, — דו זאָלסט נישט קראַפירען, ווי אַ הונד איגוועניג, אויסציהען די קאָפיטעס פאַר הונגער...

„שבר“: אָבער אַ קינד?...

„לעפאַק“: אַ נייס ביי דיר?... ענדערש. ער קומט דערנאָך אַ היים, און טרעפט אַ יאַט'ל — וואָס זי האָט איהם אויך פעראייבריגט. נו, קומט זיך שוין אָנציטהון אַ מיתה-משינה?... בעסער: דו ווילסט אַריינגעהן צו זיך אין שטוב, שפּרינגט אַרויס דער צווייטער, דער קאָכאַנעק פון דיין ווייב, וואָס האָט גיהר אויסגעהאַלטען, און פעצט דיר נ'בויך מיט אַ מעסער!...

„שבר“: כ'האָב עס נישט געהערט...

„לעפאַק“: אַ?.. און חיים קיכר, וואָס האָט געקריגען אַכט יאָהר פאַר אַ א כח?...

„שבר“ שווייגט.

„ל ע פ אַ ק": און דוד פונק?... בערעל גראַדעק?... שמואל קאָטער׳כעה וואַכפּ, יואל ניגוס — כ׳וועל דיר אויפמישען נ׳צעטעל פון דער גאַנצער משפּחה?...

„ש ב ר": געה, ווער פאַרברענט...

„ל ע פּ אַ ק" קרענקט: א גנב מיט אַ היים?... וואו האָט אַ גנב אַ היים?... פון וואַנען איז ער נישט פּליטה?... וואו קען אַ גנב אַריינשלאָגען אַ פלאָקען אין דר׳ערד, און זאָגען: „כ׳וועל דאָ בלייבען וואוינען?" דו זיצסט אָב אַ יאָהר אויף אַנ׳אָרט... אַ מאָל—צוויי יאָהר, ווערסט אויסגע׳שחורט—וואַרפט עס דיך אַרויס אין אַנ׳אַנדערע שטאָדט...

„ש ב ר" שטימט.

„ל ע פּ אַ ק" ווי פריהער: און אַזוי כסדר: אַ שטאָדט נאָך אַ שטאָדט, דאָ—אַ׳אַנדערער שמו דאָרט—אַנ׳אַנדערע כתובה...

„ש ב ר" שטימט.

„ל ע פּ אַ ק" רויכערט קאלטבלוטיג: דו לעגסט דיך שלאָפען, און ס׳איז געַנוג אַ האָרך, אַ קלאַפּ, און דוס שפּרינגט אַרויס פון בעט, אַנטלויפסט איבער דעכער, ווייל דער קאָפּ ווערט דיר שוין צושפּאָלטען, אויב מ׳קומט דיך נישט בּינדען? און פאַר וואָס מ׳וועט דיך משפּט׳ן?... אויף דיינע עטליכע דרייסיג יאהר האָסטו שוין נישט אַזוי פיל האָר אויפ׳ן קאָפּ, אין וויפיעל משא-מתנ׳ס דו ביסט פערמישט... פויזע: אַ גנב איז ווי אַ בלעטעל אויפ׳ן ווינד... אַ הפקר זאַך... זיין היים איז די תּפיסה...

„ש ב ר" שטימט.

„ל ע פּ אַ ק" גיט ראַפּטום אַ שפּיי: פאָלג מיך, שבר, דו ווער אַ האָז פון דער היים, וועסט קומען אין אַ האַלב יאָהר אַרום, — וועט זיך דאָס מענשעלע פון לאַנג שוין האָבען אויסגעלאַכט... רויכערט.

מ י ר ק ע הויבט אָן שטיל צו וויינען.

ק יי ל ע: מ׳האָט איהם בעדאַרפען פאַר אַ מליץ-יושר... איבערלאָזען אַ לעבעדיגע עגונה...

„ש ב ר" בייז: קיילע, שווייגט, איהר רופט אייך נישט אָן!...

ק יי ל ע: גיב איהר אַ גט?..

„ש ב ר" אָנגעצונדען: כ׳וועל איהר אָבגעבען מזיק׳ן מיט מיינע הענד?.. פוילען זאָל זי!

ק יי ל ע שטעהט אויף: מאַכסט איהר אַ צו רייכען דאָס... זי איז מיין קינד!... מיינסטו איהר מאַמע האָט זי געפונען אונטער אַ פאַרקאַן?... אַצונד, זעהסטו, וועל איך שוין יאָ שרייבען נאָך איהר טאַטען?...

„ש ב ר": זאָלען איהם ברענען די אָדערען, איהר טאַטען!..

ק יי ל ע ציטערט: איך וועל איהר נישט לאָזען אַזוי פערשווארצען ס׳פּנים!...

„ש ב ר“ בלייבט שטעהן ווי אַ שלענער: אַלטע קלעמפּע, וועד נאָגט ביי איין?...

ק יי ל ע קלאַפּט זיך אין האַרץ: זי איז מיין קינד!...

„ש ב ר“: כ׳גיב איך אַ נעם פאַר׳ן כוקעל, פליהט איהר ביי מיר אַרויס דורכ׳ן פענסטער...

ק יי ל ע שטרענגט אָן דאָס ראַזיר-מעסער: כ׳וועל דיר איבערשניידען דיין טרפה׳נעם גאָרגעל!...

מ י ר ק ע שטעהט אויף, נעמט צוזאַם דאָס קישען מיט׳ן קינד פון וויגעל: קום, באָבע; איך וועל איהם אָבטרעטען...

„ש ב ר“ ווערט בלייך ווי קרייד, ציטערט: מירקע, וואו געהסטו?... מיר-קע?...

ק יי ל ע: לעג אַריין ס׳קינד... אין דרויסען איז אַ רעגען, וועסט עס דער-קיהלען... ס׳ברויך נישט מעהר זעהן ווי אַ לופּטילו..

מ י ר ק ע זעצט זיך צוריק מיט׳ן קינד, נעמט עס אַיין: וויין נישט, קרוציקעל... וויין נישט, קרוציקעל!..

„ש ב ר“ פאַלט אָהנמעכטיג אויף זיין אָרט: פאַרברענט זאָל׳ס ווערען!...

ק יי ל ע זעצט זיך צוריק איינציהען ס׳מעסער: קוקט אַריין אין דעם, ס׳איז נאָך אַנ׳עופ׳על... גאָר נישט קיין מענשל, און וויל שוין זעהן: צו וועמען ס׳איז פּאָדאָבנע?... ס׳וועט אונטערוואַקסען... פוּיזע.

„ס וו י ט נ י ק“ קומט-אָן פון גאַס: אַ פייער זוכט איהם, סצערב האָט דיך געמעגט אָבפּיצען, — אַ גאַנצען טאָג זיך אַפילו נישט געוויזען פאַר איהם אין סאָנד!..

„ל ע פ אַ ק“ מיט עקעל: האָט פון וועמען צו רעדען...

„ס וו י ט נ י ק“: מ׳לאָזט זיצען אַ מענש אַ גאַנצען געהענדיגען טאָג אויפ׳ן ניכטערען...

„ל ע פ אַ ק“ רויבערט אויפ׳ן שבר: ס׳וואָלט איהם ווייל׳ער געוועזן; ער וואָלט אויסגעשפּיגען די לונגען אין תפיסה, איידער אַזא לעבען... כאַ... איך האָב שוין אַליין געקלעהרט אַרויסגעהן געוואָהר ווערען... מ׳קען נישט אויסקומען מיט איהם...

„ס וו י ט נ י ק“: ס׳איז בחנם... ער וועט אודאי אַליין באַלד צוריבערקומען!

„ל ע פ אַ ק“: לויז-געגאַנגען?...

„ס וו י ט נ י ק“: מיט דריי שאנות אַ הוץ דריי סנראַוועס אויסגעגישט, וואָס זענען אין גאַנג...

„ל ע פ אַ ק“: אַ בעל-פליטה?

„ס וו י ט נ י ק“: אַ יאָלד איז ער — ער זאָל געהן זיצען!...

„ל ע פ אַ ק“: פון סזנד?...

„ס וו י ט נ י ק“: פאַר וואָס נישט פון גאַס אַראָב?... אָבגעשיקט מיט אַ שמירער אין תפיסה, — אויפ׳ן וועג, דרעהט ער זיך אום, דערלאַנגט איהם אַ פאַרפאָהר מיט׳ן פרענטעל צווישען די אויגען, און איז שוין אַ האָז...

„לעפּאַק": אַ כאָלערע... דאָס איז אַ מענש... כאַ־כאַ... ר'קאָן געהן ב'טויט אין די אויגען...

„סוויטניק": דער שמירער האָט זיך איבערגעקעהרט, ס'טייטל איז איהם אַרויסגעפלויגען פון די האַנד, און ביז ער האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס — איז דער סצערב נעלם געוואָרען אָהן אַ פּיפּעצ...

„לעפּאַק": קיי איין שאָס איז נישט געפאַלען?...

„סוויטניק": שיס אויף דער וואַנד!... ס'האָט אינגאַנצען געדויערט אַ רגע... מיט'ן אויג!...

„לעפּאַק": אַ הצלחה... כו־כו־

„סוויטניק": האָט נישט קיין מזל צו קיין משא־ומתנ'ס, פאַלט תמיד אַדורך, און זיצט נישט קיינמאָל...

„לעפּאַק": ס'דריטע מאָל פּליה... כאַ־כאַ...

„סוויטניק": פיער ספּראַוועס אויף זיך... אַצונד — דעם דריטען וויראָק... צעהלט אויף די פינגער: צוויי מיט אַ האַלבען יאָהר איינמאָל; דריי יאָהר... אַצונד — נאָך דריי יאָהר... צוזאַמען: אַכט מיט אַ האַלב יאָהר — אַ מענש האָט אויף זיך?...

„לעפּאַק": נו... ער וועט שוין מעגען אַצונד עוקר זיין איבער'ן ער וועט אַריינפאַלען — בלייבט ער קוועטשען אויפ'ן גאַנצען לעבען...

„סוויטניק": מאַכט נאָר אויך, אַ פייער זולט איהם!... קען נישט ב'סצערב?. פליטה — וועט ער ווייטער געהן פערדינען; אַריינפאַלען — וועט ער ווייטער געהן פליטה; נישטאָ קיין תפיסה פאַר איהם!...

„מזיק" קומט אָן פון גאַס מיט אַ פייף: גוט אָנגעפּיפּען?...

„שבר" שטעהט אויף, קוקט איהם אָן מיט בּיסטרע אויגען: קומט נאָר אַ־הער, אַ כח דאָס האָט... פערהאַקט אונטער זיך די טיר.

„מזיק" קוקט איהם נאָך: ס'אַ־געפּגר'טער יאָלד!... מירקע, וואָס מאַכט ס'יאַט'ל?... אַ בליק אין קישען: רויט ווי אַ צוויק!... פיסטעוועט. פּ־ס־ס...

קיילע שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ: ס'אַ־בראָך צום בינטעל יאָדר...

מירקע וויינט: אַריינגעפאַלען אין זיין האַנד!...

„מזיק" שווערט־זיך: האָסט אַ דר'ערד פאַר איהם!... וואַרט, ס'וועט זיך נאָר מאַכען עפּיס אַ רעכטער שפּרינג ב'סטוי נישט מעהר קיין היגע!...

קיילע: ס'קומט, איהר זאָלט איהר ביידע געבען גט...

„מזיק": אַ גרויסע זאַך... האָט מען צוריק חתונה... מירקע, פאָהרסט מיט מיר קיין „בוינע" מאַכען אַ לעבען?...

מירקע: וואו זאָגסטו?... קיין „בוינע?"... כ'האָב געוואוסט... וויינט, אַזוי האָסטו מיך ליעב?... ווילסט מיך פיהרען אין שוואַרצען־לאַנד אַריין?... אַרויס־שטעלען אויפ'ן מאַרק?...

קײלע: כ׳האָב געזאָגט... כ׳האָב דיך געװאָרענט; זאָלסט דיר דערנאָך נישט קלאָגען ס׳פּנים!...

מירקע: די באָבע איז געװען גערעכט... כ׳האָב איהר נישט געװאָלט האָרכען!..

„מזיק” צוטימעלט: ביסט אַ נאַרעלע... מײנסט טאַקי?... מ׳ברויך זיך צו היטען מיט אַנ׳איבריגען װאָרט... די צונג זיך אָנבײסען... מאַכסט אַ װעזען?... מירקע! ... מירקע!...

מירקע װײנט, לאָזט זיך נישט אײַנגעמען.

„לעפּאַק” שפּײַט אויס מיט פּעראַכטונג: טפו... מ׳קען ברעכען מיט דער גרינער גאַל... יאַט׳ן... ס׳האָט איבערגעפיהרט די מלונה... ס׳גרילצט אין די אויערען אַ גאַנצען טאָג די קאַצענ-מוזיק... כאַ... מ׳װעט זיך ברויכען בעזעצען ערגיץ אין אַ מיהל אויף לינק... צום מזיק: יאַט, ס׳אַ—חי אין שטאָדט?...

„מזיק”: מ׳חפּושט כסדר אין אַלע בלאַטע הײַזער... אויף אַלע מלונה׳ס... בײַ ר׳ נחמן כשר אויס געשאָקעלט ד׳ בעביכעס... מיט שפּיר-הינד... בײַם בלינדען קורניק צוגענומען דרײַ חנא׳ס...

„סויטניק”: װאָס האָט מען צו זײַ געהאַט?...

„מזיק”: מ׳געהט זוכען בראָנפען—געפינט מען פאַלש געלד; נישט געהאַט די ביכלעך געשטעמפּעלט פון דאָקטאָר...

„סויטניק”: אַ פײַער זוכט זײַ...

„מזיק”: דער בלינדער קורניק האָט איהם שוין פערשאָלטען די בײנער...

„לעפּאַק” לאַכט עקעלהאַפט: כו-כו-כו. װאו קען ער ערגיץ ליגען דער סצערב?.

„סויטניק”: כ׳װאָלט געשװאוירען, ער איז ערגיץ בעהאַלטען אויף לינק אין אַ בוידעם, אַ פײַער זוכט איהם!...

„מזיק”: אַ יאָלד איז ער—ער זאָל אַצונד ציהען-פליטה?...

„שבר” שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ, קוקט זיך לאַנג אַרום מיט אַ פערגליװערטען בליק:

„מזיק”: ס׳איז איהם עפּיס אונטערגעפלויגען!...

„שבר” געהט אַרײַן: מזיק, צו װאָס קומסטו אַ הער?...

„מזיק” שטײַף: כ׳קען נישט לעבען אָהן דיר!... שבר!...

„שבר” צוגעדריקט: לאַך נישט, כ׳װעל דיר די אָדערען אויפטרענען!...

„מזיק”: לעגסט אויף מיר אַ האַנד—װערסטו בײַ מיר פערפוילט אין תּפיסה!...

„שבר” גיט אַ לאַך װאָס איז מעהר עהנליך צו אַ קורטש: צדיק!... צדיק אין פעלץ, ער איז שוין װעניג אָנגעגאַגגען!...

„סויטניק” בײז: מזיק, װעסט װערען אַ סליחה׳נער?...

„לעפּאַק” שמײַכט: אַ גרעפּ—צער?.

„מזיק״ פֿעסט: אַז ער וועט געהן מיט די הענד, בין איך איהם ג אײַנצו-ווײַקען בײַם ערשטען-בעסטען משא-מתן...

„שבר״ ביטערט מיט אַ געלעכטער׳ל: כאַ-כאַ-כאַ. מאוס׳ער יאַט... אַ בײַן וו איך דיר איבערברעכען!...

„מזיק״ טויט: וועסט אַ ברירה האָבען מיט מיר נישט צו געהן פערדיענען!

„שבר״ ווי פֿריהער: געמײַנער שאָפּענפֿעלער!...

„מזיק״ פֿערבײַסט די ליפּען: וועסט דיר נעמען נ׳סצערב פֿאַר אַ שותף...

„שבר״ צוגעדריקט: מזיק, כ׳וועל דיר גאָר נישט טהון... זאָג דעם אמת, האָסט מיט איהר אַ פֿערגעהאַט?...

„מזיק״ ~~לאַכט פֿערלעגען:~~ ~~כאַ-כאַ-~~כאַ...

„שבר״ ווי פֿריהער: זאָג,— זאָל איך אַזוי לעבען, ווי איך וועל דיר נישט טשעפּען!... פֿינף יאָהר נאָך אַ חתונה, די כאָליערע נעמט איהר, קײַן שום ווײַב וואָלט אפשר נישט בעסער געווען!... וואָס האָט זי זיך צו מוטשען?... און פֿאַר וואָס זאָל זי זיך מוטשען?...

מירקע ווײַנט שטיל.

קײַלע שאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ.

„שבר״ ווי פֿריהער: מזיק, איך גיב איהר אַ גט!... נעם זי דיר צו, האָב מיט איהר חתונה!... נאָר, געדענק: מיר אונטער די אויגען זאָלסטו נישט קומען מיט איהר!... איך זאָל אײַך נישט זעהן!... איך... די כאָלערע וועט מיך נישט נעמען!... איך בין אַ קאַליקע... איך וועל שוין אַזוי אָבלעבען ערגיץ אויף אַ בוידעם, אין אַ לאָך, צווישען מלונה׳ס. פגר׳ן אונטער אַ פּלויט, און פֿוילען דרײַ טעג ביז איך וועל קומען צו קבר-ישראל...

מירקע ווײַנט.

„מזיק״ שטימט.

„שבר״: זאָג, מזיק, כ׳וויל הערען פֿון דײַן מויל: האָסט מיט איהר אָפּער-געהאַט?... דאָס יאַט׳ל איז דײַנס?... פֿאַר וואָס זאָל מען מיך נאַרען?... פֿאַר וואָס זאָל איך מיך פּײַניגען?...אַראָבפּרעסען ס׳פֿלײַש פֿון לײַב?... מיך אויפּפּרעסען לעבעדיגערהײַט?...

„מזיק״ שווײַגט.

„שבר״ ווי פֿריהער: זעהסט, איך געה אַרום — דער טאָג איז מיר קײַן טאָג נישט; די נאַכט—קײַן נאַכט נישט; ס׳לעבען—קײַן לעבען נישט. אָ, ווען איך זאָל ווי-סען, איך בין דער טאַטע פֿון דעם קינד?.. כאַ... רײַסט זיך די האָר פֿון קאָפּ: איך וואָלט משוגע געוואָרען פֿאַר פֿרײַד!.. איך וואָלט אַ גאַנץ יאָהר גע׳שכיר׳ט אין די גאַסען!.. ווערט ווילד, כ׳וואָלט אויסגעריסען אַ גאַנצען גאָרטען בוימער!.. אונ-טערגעצונדען הײַזער, גאַנצע גאַסען, און געטאַנצט מיט דעם פּיצעלע אין פֿײַער, צווישען די פֿלאַמען, און קײַן האָר וואָלט מיר נישט געשאַדט!..

„מזיק“ שווײַגט

„שבר“ חי פריהער: מזיק! זאָג מיר דעם אמת!.. קלאַפּט זיך אין האַרץ בין איך דער טאַטע פון דעם קינד?.. האָט מיר מײַן ווײַב אַ ממזר אָ־ געבראַכט אין שטוב אַרײַן?. וואָס שווײַגסטו?.. וואָס נעמסטו מיר די לעבער ... זאָג!... ביסט געקראָכן צו איהר!... האָסט איהר אָנגעריהרט?... זי האָט זיך געלאָזט אָבּרעדען פון דיר?... קוקט אַזוי ווילד אין זײַנע אויגען, ביז ער גיט זיך אַ וואורף אויף איהם, און לעגט איהם תיכּף מיט זײַן שווערען קערפּער צו דער ערד: אַ מיתה וועל איך דיר אָנטהון!.. מירקע בעקומט היסטעריקע, קיילע נעמט בײַ איהר אָב ס׳קינד. לעפּאַק מיט׳ן סצערב וואַרפען זיך אויפ׳ן שבר, רײַסען איהם אַראָב פון מזיק; וועון עס שטילט זיך אײַן — בעווײַזט זיך נחמן כּשר אויפ׳ן שוועל.

„כּשר“ צוטומעלט: כ׳שטעה שוין פון אַ שפּאָרע ווײַלע אין דרויסען. — כ׳האָב געמיינט: מ׳שעכט דאָ לעבעדיגערהייט מענשען!..

קײַלע וויעגט אויף איהרע הענד דאָס קישען מיט׳ן קינד. שיער אַנ׳עופ׳עלע אומגעקומען!..

„שבר“ אונטערגעהאַלטען פון די יונגען — בעקומט ביסלעכווײַז אַ צורה פון אַ מענש, מורמעלט: אַ כאָלערע... סוויטניק... לעבּאָן... גיט זיך אַ ריס. לאָזט מיך צו איהם!... בערוהיגט. איך בין נאָך נישט געפּגר׳ט... בעפרײַט זיך געהענדיג ער איז נאָך נישט מײַנע פּטור!... אָב.

„כּשר“: שניפּט דעם טאַבּאַק: גאָר קיין מענש נישט!...

קײַלע לעגט ס׳קינד אין וויעגעל: ס׳קינד האָט בעדאַרפען אויסגערינען צו ווערען אין מאַמעס בויך, אײַדער ס׳איז אויף דער לעבעדיגער וועלט געקו־ מען!.. וויעגט עס אײַן. שלאָף קרוציקעל!.. שלאָף קרוציקעל!..

„מזיק“ נעמט מירקען פאַר אַ האַנד: מירקע... מירקע... אַזוי זאָל מיר די פרײַ דיענען; האָסטו פון מיר אַ ש בועה, ווי איך נעם דיך אַרויס פון זײַן האַנד!...

מירקע לאָזט אַראָב דעם קאָפּ אויף זײַן ברוסט און וויינט: וואָס האָסטו מיר געטהון?..: מזיק, וואָס האָסטו צו מיר געהאַט?...

קײַלע: אַצונד האָט זי חרטה...

„מזיק“: זאָל איך אײַנגעזינגקען ווערען אויפ׳ן אָרט!... מירקע, כ׳האָב פײַנט, מ׳וויינט מיר אַרײַן אין קאָפּ!... נעם, פּאַק דיר צוזאַמען די זאַכען... כ׳קען בעשטעהן, כ׳זאָל נישט אַוועקגעהן מעהר פון דאַנען ביז כ׳וועל דיך נישט מיטנעמען!...

מירקע אין צווײפעל: דו ווילסט מיך אַרײַנגעבען צום בלינדען קורניק מ׳ווע בײַ מיר אָבנעמען ס׳קינד, עס אינטערוואַרפען בײַ וועמען אויף די שטי־ גען, און מיך הײסען זײַן אַ בלאַטע...

„מזיק“ שווערט זיך: זאָל מיר די פרײַ־דיענען, ווי כ׳געה מאַרגען דינגע

אַ לײַטישע שטוב... איך וועל געהן פּערדיענען, און דיך אויסהאַלטען!... וועסט זײַנע פּטור ווערען, דעם שבר׳ס, נעם איך אַרײַן דרײַ אָרענטליכע יודען, און שטעל מיט דיר אַ חופּה אונטערע׳ן באַלקען...

מירקע לאָזט אַראָב דעם קאָפּ אויף זײַן ברוסט, וויינט שטיל.

קײַלע וואָס האָט זיך פון פּאַר דער צײַט גע׳סוד׳ט מיט נחמנען פּשר—לעגט צו אַ פינגער צום מויל, און שאָקעלט פערוואונדערט איהר אַלטען קאָפּ: ס׳איז זייער בייד ענ׳ס אַ רחמנות!...

„כשר" שניפּט טאַבאַק, הרושט זיך: פּ-ש-ש-ש... אַ מעשה פּלא... א מעשה פּלא...

קײַלע: די האָר אויפ׳ן קאָפּ שטעלען זיך קאַפּויר...

„כשר" ווי פריהער: אַ מעשה פּלא...

קײַלע: פּערלויפט זיך נישט אין אַ האַלבע וועלט... רעדען שטיל.

„סוויטניק": לעפּאַק, ווייסט, כ׳וועל דיר זאָגען, ס׳איז נישטאָ מעהר קיין אָרט, וואו זיך צוזאַמענצוקומען!... אַ פּײַער זוכט!...

„לעפּאַק": מ׳ברויך איבער-טראָגען די גניאַזדע...

„מזיק": וואַרט, נאָך אויף דער אַנדערער וואָך וועט איהר שוין קענען זײַן בײַ מיר!...

„סוויטניק": ער וויל גאָר ווערען דער רוכב-בערבית איבער אונז, אַ פּײַער זוכט אידם!...

מירקע נעמט זיך דאָן צוזאַמען איהרע מלבושים.

„לעפּאַק" אונגעדולדיג: ר׳ נחמן, איהר זעצט אַהערגעקימען צו קײַלען, צו—ר׳האָט עפּ׳ס אַגעשעפּט׳לז...

„כשר" אוועקגעריסען פון געשפרעך: האַ?...

„סוויטניק": ס׳אַ-טויבער... אַ פּײַער זוכט איהם... אַ שטיק חוש...

„מזיק": ער פּיצט איהם דעם הויקער!...

„סוויטניק": אַ פּײַער זוכט זײַ בײדען!...

לעפּאַק אויפ׳ן אויער: ר׳האָט עפּ׳ס אַ משא-מתן?...

„כשר": מילא אַודאי...

„מזיק" צו קײַלען: קײַלע, איהר האָט עפּ׳ס אַ פּאָר דימענטענע אויערינגז?... אַ שנירעל פּערל?... אַ בײַטשעל קרעל—ס׳וועט זיך אַרויסגליטשען פון אײַך!...

קײַלע: מײַנט, איטליכער האָט זײַן טבע...

„מזיק" מיט אַ פּײַף: זי איז אָנגעצויגען, די אַלטע. אַ קיצעל אין זײַט: קכי...

קײַלע זעצט זיך איבער צום וויגעל, חיעגט.

„כשר" הויבט מיט די פּלײצעס, שניפּט דעם טאַבאַק אין נאָז: כ׳זעה, ס׳איז נישט מיט אַלעמען, וואָס וועל איך רעדען?...

„לעפּאַק": גיט לשון!..

„כשר": ס׳איז אַ... לאָמבאַרד!

„לעפּאַק״: טוב!
„כשר״: ס׳משרית וויל אַרויסגעבען, וואו די משכנות ליגען...
„סוויטניק״: ווער האָט זי בלאַטירט?...
„כשר״: אַליין געקומען!... רעדט עפּיס שטיל מיט לעפּאַק׳ן אויפ׳ן אויער.
„מזיק״ מיט אַ פּייף: זי וויל פּערדיענען!...
„סוויטניק״: יאַלדען נעמען זיך צו געשעפטען, אַ פּייער זולט זיין!...
„לעפּאַק״ אויף נחמנ׳ס סוד: ס׳אַ—גאַנץ אָרענטליך משא-מתן, ס׳זענען אָבער נישטאָ קיין מענשען, וואָס זאָלען עס מאַכען...
„סוויטניק״: סצערב?...
„לעפּאַק״: האָט איהם נאָך פאַר די אויגען נישט געזעהן!..
„כשר״ מיט אַ קנייטש: האָט נישט קיין מזל!..
„סוויטניק״: נ׳שבר?..
„כשר״: מ׳קען נישט געטרויען!.
„לעפּאַק״: אַלעק ריזיקאַנט וואָלט זיך געטויגט!..
„מזיק״ מיט אַ פייף: פייער!.
„סוויטניק״: ברויך מען איהם אַראָבברענגען!..
„מזיק״ ענטציקט: כ׳בין אַ מאָל געווען מיט איהם אויף אַ משא-מתן!...
„סוויטניק״ חוזקט: אַלעק ריזיקאַנט האָט איהם מיטגענומען אויף אַ משא-מתן; אַ פייער זולט איהם!..
„מזיק״: אויף צונג!
„לעפּאַק״ לאַכט: כאַ-כאַ...
„מזיק״ בעגייסטערט: שטעה איך ביים פענסטער, און קוק אַריין אין שטוב. —ס׳איז פרייטאָג-צונאַכט׳ס. ביי אַ יונג-פּאָר-פאָלק... כ׳זעה, לייכטער פינקלען אַראָב פון טיש, זילבערנע שטעהער, בעטען זיך נאָר מ׳זאָל זיי אַראָבנעמען!...
„לעפּאַק״: די מעשה האָט שוין אַ באָרד!... כ׳האָב איהר נאָך געהערט נאָכדערצעהלען וועגען דוד „פינק״...
„מזיק״: הער, די לאָמפּ ברענט,—ס׳ליכטיגקייט שטעלט אויס די אויגען! געהט ער פאַמעליך אונטער, גיט ראַפּטום אַ דרעה ס׳לעמפעל אין אַ מינוט שפּעטער—ווידער אַ דרעה אַראָב, און אַזוי ביסלעכווייז ווערט פינסטערער אין שטוב, ס׳לעשט זיך נאַטירליך—אַזוי ווי ס׳וואָלט אויסגעפּעהלט אינוועניג נאַפט!... ס׳קאפּעט—נאָך וועקט זיך שוין איבער דאָס ווייבעל אין בעט: אוי—וואי... די לאָמפּ געהט אויס, זי בלייאַט מיט׳ן קינד אויף ביי נאַכט אין דער פינסטער!
„סוויטניק״ נתפעל: אַ פייער זולט איהם!...
„מזיק״: ער זעצט זיך שפּעטער וויעגען ס׳קינד, שלעפט עס גוט איין, און נעמט זיך נאָכדעם צו דער אַרבייט!... טאַפּט אַדורך אַלע אָנגעגעבענע סקריטקעס,—טרעפט נישט; בעט ער זיך איבער מיט די שטעהער׳ס, פּאַקט צו-זאַמען,

ביסעל שמוק, ציהט אַראָב אַ גאָלדענעם זייגער פֿון דער וועסט, און איך מיין: ער געזעגענט זיך: דאָס געלד, בלייבט, ברויך ליגען אונטער'ן קישען!...וואָס כהוט מען?... אַוועקגעהן ליידיג?...

„לעפּאַק": אַלטע ווייבער וואָלטען דיר גיכער געגלויבט, כאַ-כאַ...

„סוויטניק": מעגסט זיך געהן לערנען צו איהם אין חדר, אַ פֿייער זולט איהם!...

„מזיק": און ער שטעהט אַ רגע... קלעהרט, און לעגט אַרויף אַ פּוס אויפ'ן שטימפּ—יענער וועקט זיך איבער, רעדט עפּיס פֿון שלאָף, תמ'עלט, ציהט אויס אַ פּאָר לאַנגע, דאַרע הענד—און דרעהט זיך איבער... מיר זענען די אויגען איבערגעגאַנגען! כ'האָב געמיינט: ער געהט שלאָפען צו איהר אין בעט, חרטה געקריגען אויפ'ן גאַנצען עסק, כ'ווייס: אויב ער האָט נישט דערקענט אין שטימפּ עפּיס אַנ'צלטען גוטען ברודער?... און וועט זיך באַלד צוקושען מיט איהם!...

„סוויטנק": און ר'האָט איהם פּערדיענט?...

„מזיק": אַ פֿראַגע?... כאַ-כאַ-כאַ!...

„סוויטניק": אַ פֿייער זולט איהם, כאַ-כאַ-כאַ!...

„לעפּאַק": לאַכט פּערלעגען; כאַ-כאַ-כאַ...

„כשר": וואָס האָט זיך צוגעהערט ווי אַ תם, און אָפּגעגעהאַלטען ס'מויל פֿאַר התפעלות: סאַ— בעל-מלאכה!...

„סצערב" גיט אַ שטעק אַריין דעם קאָפּ, אַ בליץ מיט די אויגען, און זיך אַ וואָרף-אַריבער אין דער זייט שטוב; ער איז נאָך אָנגעטהון אין די אַרעשטאַנטען-קליידער אַלע צוטימעלם: סצעבר?...

„מזיק" דערלאַנגט איהם די האַנד, מיט אַ פֿייף: רייב איין!...

„כשר": שלום עליכם!... גיט איהם די האַנד, ברוך מתיר אסורים... זאָגט עפּיס שטיל קוילען אויפ'ן אויער, טראָגט זיך אָב פֿון שטוב.

„סצערב" צוריקגעהאַלטען: מאַכט נישט קיין יעלה; מ'איז דאָ געוועזן אויף אַ חופש?..

„לעפּאַק": האָסט אַ דר'ערד פֿאַר זיי!... אַז ס'איז דיר אָנגעגאַנגען— ביסטו אונזער מענש!..

„סצערב": איך שטאַרב פֿאַר אַ ביסעל רויך... פֿערוויכערט מיט'ן גאַנצען האַרץ.

„לעפּאַק": וואו ביסטו געוועזן אויפֿגערוימט?

„סצערב": אונטער דער ב יק'... אָבגעלעגען אַ האַלבען טאָג אין קאַנאַל... אין אַ פֿינסטערניש... אין וואַסער... אין אומריינקייט... בר-ר-ר... אַלע מינוט הערט זיך נאָר דאָס כלאַפּען פֿון די לעכער: כליאַפּ... כליאַפּ... ס'קומט דאָרטען אָן פֿון אַלע הייזער, דורך די קאַנאַלען, דורך די לעכער...

„מזיק" מיט אַ פֿייף: אַ גאָלדענע מלונה!..

„ס ו י ט נ י ק״: אַ פֿײַער...

„ס צ ע ר ב״: און ראַטען טאַנצען אַרום, שפּרינגען—אַ זעלכע בחורים!.. בעווײַזט אויף דער האַנד.

„ל ע פּ אַ ק״: ס׳אַ—חדוש, זיי האָבען זיך נישט געוואַשען צו דיר?...

„ס צ ע ר ב״: איך האָב טאַקי געהאַט אַ גוט שטיקעל אַרבייט, זיך אָנ־ציאָגען מיט זיי.. וואַרפֿט אַוועק דעם מונדשטיק, פֿעררויכערט אַנ׳אַנדערען, וואו איז דער שבר?..

„ס ו י ט נ י ק״ רופֿט: שבר!..

„ש ב ר״ קומט אַרײַן אַנגעכמורעט: א... סצערב א ניכפּה אויף דיר!... גיט איהם די האַנד. נאָך אין די בגדי־מלוכה?...

„ס צ ע ר ב״ טהוט אַ שפּײַ: כפֿו... ביסטו אפֿשר געזעסען אין תּפֿיסה?.. ס׳אַראַ פּנים האָסטו אויף זיך אַרויפגענומען?...

„ש ב ר״ גיט זיך אַ וויש מיט דער האַנד איבער׳ן פּנים.

„ס ו י ט נ י ק״: דאָס ווײַבעל האָט איהם אַזוי אויסגעשמעלט!... אַ פֿײַער..

„ס צ ע ר ב״ בייז: ברענען זאָלען דײַנע אָדערען, אַזוי האָסטו מיך אויסגע־האַלטען אינווענינ מיט עסען, און מיט רויך?...

„ש ב ר״: איך האָב דיר נישט אַרײַנגעשיקט?...

„ס צ ע ר ב״: כ׳האָב דיר אויסגעשר־בען אַנ׳אגרת׳ל מיט אַ מענטע,—זאָלסט איהם געבען פֿאַר מײַנעטוועגען צוויי הונדערט־פֿײַגעל...

„ש ב ר״: איך האָב איהם פֿאַר די אויגען נישט אָנגעזעהן!...

„ס ו י ט נ י ק״ מישט זיך אַרײַן: סצערב, וואָס קלערסטו צו טהון!...

„ס צ ע ר ב״: מאַכען גולה־עמוקות!..

„ס ו י ט נ י ק״: די יעלה איז נאָך אָבער צו גרויס!... זײַ אַקערען איבער די ערד; האָבען צושטעלט שמירער׳ס אויף אַלע וועגען; נאָך בײַ טאָג צוגענומען אַלע דראָשקעס אין מאַגיסטראַט...

„ס צ ע ר ב״: כ׳קלער מיך איבערצוטהון... אַריבערכאַפּען אויף דער לאָנ־קע, פֿון דאָרטען אין וועלדעל, וואו כ׳האָב שוין צוצוגעהן דרײַ מײַל—וואַלד...

„ס ו י ט נ י ק״: וואָס טויג זיך דיר צו לעגען מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנק בעט?... ווערסט איבערנעכטיגען דאָ אויף מלונה עטליכע נעכט, ביז ס׳וועט זיך אַביסעל אָבלעשען... ס׳איז דאָך אַ מורא אַרויסצוגעהן...

„ל ע פּ אַ ק״: מ ו ר א?... ווער האָט מורא?... ער וועט געדן מיט מיר!... אַ שפּײַער אין קעשענע. היצט... דו ווערסט נעמען אַ מעסער... כאַ־כאַ... כ׳וועל דיך אויסלערנען געבען אַ שטאָך, אַז מ׳וועט ברויכען... שוין צײַט, דו זאָלסט נישט ציטערען ווי אַ־טכויערזש, און אַנטלויפֿען ווי אַ האָז, ווען יענער גיט אַ כאָך מיט׳ן נאָז... נאָר — אַקעגענשטעלען זיך דעם מלאך־המות אין די אויגען!... שטעך... שנײַד... און קוים איז יענער שטאַרקער פֿאַר דיר, מאַך זיך אַלײַן ב׳טויט...

„סצערב″: כ׳האָב אַ דר׳ערד פאַר אַלעמען... שבר, האָסט עפּיס פאַר מיר וואָס איבערצוטהון?...

„שבר″: קיילע, געהט אַריין, מאַכט פאַר איהם דאָרט אויף די שאַנק זאָל ער זיך אויסקלויבען?...

מירקע: איך האָב אַוועקגעלעגט די שליסלען...געהט אַריין, און נאָך איהר — סצערב, לעפּאַק, סוויטניק; און ווען ס׳קומט צום מזיק, גימ איהם

„שבר″ אַ נעם פאַר אַ האַנד, און ציהט אַרויס אַ מעסער פון כאָלעווע: דאָ בלייב!...

„מזיק″ צאַפּעלט זיך ביי איהם — אימת: ש — ב — ר!...

„שבר″ האַלט איהם מיט צוואַנגען; דאָ בלייב!...

„מזיק″: לעג אַוועק ס׳מעסער!...

קיילע פערברעכט די הענד: של — מה׳ — לע!...

„שבר″ קעמפט מיט זיך, גיט ענדליך אַ שלידער אַוועק ס׳מעסער: אַצונד קום מיט... פיהרט איהם צו צום וויעגעלע: דאָ שטעה....

„מזיק″ שטעהט טויט ווי די וואַנד.

„שבר″ לאָזט זיך אַראָב אויף די קניה פאַר׳ן וויעגעל, און קוקט זיך איין אַ מאָל אין קינד, און אַ מאָל אין איהם.

קיילע שאָקעלט טרויעריג מיט׳ן קאָפּ, אַ שווערע, פיינליכע פויזע.

„סוויטניק″ ווייזט זיך אין טיר: שבר, האָסט נישט קיין רעכטען ראָק אין דרינען!...

„שבר″ גיט זיך גישט קיין ריהר, נאָר קוקט אַזוי, גראָד ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפונען עפּיס אַן׳עהנליכקייט פונ׳ם קינד צו איהם...

„סוויטניק″: אַ פייער זוכט איהם!... פערמאַכט די טיר אונטער זיך...

קיילע טרויעריג: שלמה׳לע... דעם קינד וועט וועה טהון ס׳קעפּעל...

„שבר″ לאָזט ענדליך אַראָב דעם קאָפּ אין וויעגעל. פויזע.

עס קומען אַריין: לעפּאַק, סצערב, סוויטניק. סצערב איז האַלב איבערגעטהון, ער ברענגט זיך מיט אַ רעשטעל מלבושים־־פון וועלכע ער קלויבט זיך צו דאָ, צום איבעריגען. שפּעטער קומט אויך אָן מירקע מיט איהרע מלבושים.

„סצערב″ ווען ער ווערט פאַרטיג: מ׳וואָלט געברויכט אַ קוק טהון און דרויסען, אויב די לופט איז ריין?...

„לעפּאַק″ אַ וויגק: סוויטניק!...

„סוויטניק″ בייז: אַ פייער... אַב.

„סצערב″ פלוצלינג: מיין כלה האָט זיך דאָ גאָרנישט געוויזען?...

„לעפּאַק″ מיט אַ גיפטיג שמייכעלע: זיך געדרעהט אויפ׳ן וויאַטראַק!...

„סצערב″ גיט אַ ציטער, פערבייסט די ליפּען.

„סוויטניק″ ווייזט זיך פון דרויסען: מ׳זעהט נישט קיין הונד...

„ס צ ע ר ב": שבר, אַ גוטע נאַכט...

„ש ב ר" גיט איהם די האַנד: אַ גוטע נאַכט...

„ס צ ע ר ב": פאַרגעס נישט, כ'האָב געלאָזען בײַ דיר אין דרינען די בגדים פון תפיסה, זאָלסט געדענקען זײַ צו פאַרברענען!...

סצערב, מזיק, סוויטניק און לעפאַק—אָב אין גאַס; אין שטוב הערשט אַ שוואַכע, געדריקטע שטימונג, כמעט קײנער קען זיך נישט געפונען.

„ש ב ר" געפאַלען: מירקע, פאַקסט זיך אין וועג אַרײַן?...

מ י ר ק ע שווײַגט.

„ש ב ר": געהסט אַוועק?...

מירקע שווײַגט.

„ש ב ר": נעמסט מיט ס'קינד?...

מ י ר ק ע שווײַגט.

„ש ב ר": מירקע, פאַרוואָדר זאָלען מיר די אויגען אַרויס פון קאָפּ, אַ ראָד אַ־יבעד איבער'ן לײַב, אַ פערד צוטרעטען מיט די פיס,—ווי דו מוזט מיר זאָגען: ס'קינד איז פון אים?... כ'שווער דיר בײַ אַזעלכע טויטע קללות, אַז כ'וועל דיר גאָרנישט טהון, נאָר זאָג מיר: דאָס קינד איז פון איהם?...

מ י ר ק ע שווײַגט.

„ש ב ר": מירקע, פאַרוואָור זאָל מיר אַ בליץ אָנצונדען די אויגען, אַ דינער צושפאַלטען ב'קאָפּ, ווי דו מוזט מיר זאָגען: ס'קינד איז פון איהם?...

מירקע בעשלאָסען: יאָ, ס'איז פון איהם!... נ'וואָס ווילסטו?...

„ש ב ר" בלײַבט צוטומעלט, די אויגען קריכען איהם אַ ווײַלע פון קאָפּ, ס'דוכט זיך: אט, אָט, וואַרפט ער זיך מיט זײַנע אויסגעדרעהטע הענד אויף איהר, אָבער—ער פאַלט צוזאַמען

מ י ר ק ע וואָס האָט זיך צוזאָמענגעפאַקט די זאַכען, נעמט אַרויס ס'קישען מיט'ן, קינד.

„ש ב ר": וואוהין געהסטו?...

ק ײ ל ע פערברעכט די הענד: מירקע!...

„ש ב ר" מיט אַ געשרײַ: שלאָפען געהן!...

ק ײ ל ע: לעג צוריק אַרײַן ס'קינד!... נעמט בײַ איהר אָב ס'קינד, לעגט עס אין וויעגעל, דרעהט אַראָב די לאָמפּ, און מאַכט-אויף בײדע טירען צו דער אַנדערער שטוב, וואוהין בײדע ווײַבער נעמען אַריבערטראָגען ס'וויעגעל מיט'ן קינד.

„ש ב ר" גיט זיך אַ וואָרף: האַ?... דאָס וויעגעל בלײַבט דאָ איבער!...

ק ײ ל ע צוזאַמענגעבראָכען: דאָס עופ'עלע וועט אויסגעהן!... עס מוז דאָך האָבען די ברוסט!...

„ש ב ר" מיט אַנ'אומענשליכען געשרײַ: מאַכט נאַ—כט!... בײדע פרויען רוקען זיך אַרויס. פויזע. ער געהט אַהין, ברענגט צוטראָגען אונטער'ן אָרעם דאָס פעקעל אַרע. שטאַטענ-קלײדער, נעמט זיך פאָרען בײַם אויווען, מאַכט אַ פײַער און נעמט זײַ פאַרברע-

בען. דער פּלאַם ווערט העלער, ליכטיגער, שלאָגט אָב מיט אַ מאָדנעם אָבשיין אויף זיין פּנים, וואָס ווערט מיט יעדער רגע נערוועזער, ווילדער...

מירקע שפּאַרט דאַן אַוועק די טיר, שטעקט אַריין דעם קאָפּ, די אויגלעך פינקלען ביי איהר, ווי ביי אַ קאַץ; זי שלייכט זיך אַריין אויף די שפּיץ-פינגער, בגנבה, האַלב-נאַקעט פון בעט אַרויס, און נעמט אַרויס ס'קישען מיט'ן קינד.

„שבר" וועלכען ס'האָט עפּיס, קענטיג, אַ בליץ-געטהון איבער די געהירען,—גיט זיך אַ וואָרף צום וויעגעל, דערזעהט: ס'איז לעדיג—קורטשעט ער זיך איינגאַנצען איין פאַר שרעק; איין אויגענבליק—און ער פאַלט אַריין אין די אַנדערע שטוב, וואו עס ברעכט אויס אַ טומעל, אַ כאַרכלען, אַ ראַנגלען זיך, אַנ'איבערגעריסען געשריי, און ער קומט צוריק בלאַסער, מיט אַ צושויבערטען קאָפּ האָר.

קיילע ווייזט זיך, מאַכט מיט'ן מויל ווי אַ זשאַבע; וואָס שעלט און געפינט זיך שום קיין לשון פאַר'ן אומגליק, וואָס האָט געקענט פאָרקומען אין דער אַנדערער שטוב.

פאָרהאַנג.

ערקלערונגען:

די בעדייטונג פון די צונעמען.

„קורניק": אַ היהנער-שטייג: אַנ'אָרט, וואו ס'האלטען זיך אויף גנבים, פּאַרדעל-
טיגע מענשען' ס'רוב— אַ הייזעל; וואו ס'זענען פאַרהאַן גאַסען-
מיידלעך, וואָס רופען זיך אויפ'ן וואָרישען לשון: „עופות" און
זייער פאָטער—דער „קורניק".

„פּאַדלע": אַ געפאַלענע בהמה, אַ נבלה.

„קיסר": אַנ'אָנפיהרער פון גנבים.

„שבר": אַ קאַליקע, אַ בעל-מום, קען נישט האָבען קיין קינדער.

„מזיק": אַ שד, אַ שאָדען זוינקעל.

„סצערב": געשפּאָלטען די אויבערשטע ליפּ, מ'זעהט אַרויס די ציין.

„סוויטניק": אַ גנב,—אַנ'אָבנאַרער, אַ רמאי.

„לעפּאַק": שטאַמט פון וואָרט קאָפּ, אַ טעמפּער קאָפּ, אָנגעריהרטער מח.

ווערטער פערצייכניש.

א

„אגרת" — א בריוועל.

„אויסגעלאַכט" — געשטאָרבען.

„א תהלים'ל" — א טאַליע קאָרטען.

„אָנגעגאַנגען אויף כח" — בענוצט געוועהר.

„אויסגעקוקט ס'בעוואוינונג" — מ'בענוצט זיך מיט אַנ'-אורה, וואָס געהט אַריין אויסקוקען, ער בעט עפּיס עסען; מ'שטעלט אַריין א דינסט אויף א קורצע צייט.

„אויסגע'שחור'ט" — בעוואוּסט, אויסשפּיאָנירט.

„אַ שטיקעל" — א שליסעל. א וויטרע.

„אויסגראבלען" — ביז ער וועט זיך מישב זיין.

„אַנלעווירט" — אראָבגעקוקט.

„אַרייַנאַרבייטען" — פאַרבריטען.

„אַ קלאַפּ" — אויסליידיגען א געשעפט אויף א מאָל.

„אַ ברענדעל" — א טרינק בראָנפען.

ב

„בעטרעטען" — אָנבטטען.

„בלינד״ אויפ׳ן טראף.
„בעזעם״ סטרויזש.
„בלאַטירען״ איבערקויפ̃ן.
„באַסטירען״ אויפהערען גנב׳נען.
„בוני״ פערקירצט: בוענעס־איירעס.

ג

„גרעבצער״ מסור.
„גאַלער״ גאַלעריטא, געגלוועטע פיס.
„געביפט״ איבערשפיציג.
„גילה עמוקות״ אַוועקגעהן, אנטלויפע.
„געהן־העכער״ דערלעגען.
„געאַרבייט״ גע׳גנב׳עט.

ה

„האָז פון דער היים״ א בורח, אנטלאָפענער

ו

„וואוטשטאָק״ א יונגער גנב, וואָס קען נישט די מלאכה „א גריינער״.
„וואוטיש״ הפקר, מ׳זאָל זוך נישט משער זיין.

ח

„חופיש״ זוכען, קומבן אויף א רעוויזיע.
„חי״ לעבעדיג, א גוואלד.
„חנא״ פראָסטיטוטקע.

ט

„טייטעל״ א ביקס.
„טשורעם״ גע׳גנב׳טע מלבושים.

י

„יאַט׳ן״ גנבים פון געמיינסטען סאָרט.
„יאָלד״ א פריייער.

כ

כ׳האָב דיך אין ד׳ערד פאַר „אַנ׳אוצר״ די פאָלקס־קללה, אנ׳אוצר זוכט מען אין דער׳ערד; האָט מען יענעם אויפ׳ן אָרט פון אוצר.

ל

„לינק״ מ׳לעגט יענעם אריין אויפ׳ס־כח; מ׳זאָגט סתם אויף א מענש, אויס נקמה, וועלכער ווייסט נישט פון קיין פותר און קיין חלום, אז ער האָט זיך בעטייליגט אין א גנבה; אָדער גנבים בעהאַלטען א מאָל א גנבה ביי איינעם אין א קאמער, אין א שטאַל, —וואָס יענער האָט קיין בעגריף נישט וועגען איהר.

„לינקע כתובה“ פאַלשער פּאַס.

„לאָבוזע“ אַ קליינינקייט.

„לינקער שמו“ פאַלשער נאָמען.

„לאַפּאַצעס“ סטראַזשניקעס.

מ

„משא-מתן“ גנבה.

„מאַר-וויכער“ קעשענע-גנבֿ.

„מר-מקום“ אָבריינגען ס'אָרט.

„מלונה-געלד“ געלד, פאַר'ן בעהאַלטען אַ גנבה.

„מענש“ אַנ'אייגענער, מאנשי שלומינו.

„מענטע“ אַ טורמע-סטראַזשניק.

נ

„נורקע“ גנבֿ.

ס

„סליחה'נער“ מסור.

פּ

„פּרענטעל“ אַנ'אײַזען וואָס מ'שליסט גנבים די הענד.

פֿ

„פֿערדיענען אַלעמען“ שטעלען צרויס פֿאַ ד נאַראָנים, עולם-גולם.

„פֿערשפּעלען די פֿרייַ“ אַ גנבֿ'שע שבֿועה.

„פֿערשוט“ געמסר'ט, קאַליע גע-וואָרען בײַ דער אַרבייט.

„פֿליאַכע“ אַ פלעשעל.

צ

„צופּיצען“ אויסגעבען.

„צו-צוגעהן“ וואו ס'ליגט.

„צונג“ אַ שומר וואָס הערט אוועקגעשטעלט אי דרויסען, ער זאָל געבען אַ צייכען די גנבים בײַ דער אַרבייט,—ווען עמיץ קומט-אָן.

ק

„קליפּט“ אַ ווײַב. פֿון וואָרט: כלב'טע.

„קיטש“ תּפיסה. פֿערקירצט פֿון וואָרט: קיטשמענט.

„קלעמפּע“ מכשפה.

ש

„שאָריע“ גנבה'שע זאַכען.

„שעפּ“ אַראָבגענומען בכיון צו ביסלעך, מ'זאָל נישט בעמערקען.

„שאַנה, שאַנית“ יאָהר, יאָהרען.

„שטאָס“ קאָרטען-שפּיעל.

„שאַכטע“ אַ וואוילע נקבה.

„שײַן“ ליכטיגע לבנה-נאַכט.

„שוואַרץ“ פֿינסטערע סוף-חודש נאַכט.

„שליאַם“ נאַכט-גנבה, שטאַמט פֿון וואָרט: „שלימאַק“, אַזאַ חיה'לע וואָז זיצט אין אַ האַרטער הויט, קריכט זעלטען אַרויס, בײַם קלענסטען ריהר בעהאַלט עס זיך.

„שפרינג״, „אויפ׳ן שפרינג״ — אנ׳ארט גנבה, וואס ווערט געמאַכט אין מי־
טען העלען טאָג, ס׳גע־
דויערט נישט מעהר ווי
עטליכע מינוט.

„שטימפ״ — דער אייגענטימער, וואס
מ׳בע׳גנב׳ט, דער בע־
גנב׳טער.

„שמירער״ — א סטראַזשניק.

„שטעהער׳ס״ — לייכטער.